הירש מעלאמעד

# די רעוואלוציאנערן פון ישראל

## דאס לעבן און שאפן פון די נביאים

4A
24268

ר י ג ע

1 9 3 0

הויפט=פארקויף: צ. י. ש. א. ביכערלאגער
ריגע, מאריען גאס 4 ד. 19

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:11772

דרוקעריי „ספּלענדיד", ריגע, הערן גאס 21.
געברידער א. און י. פרידמאַן

Spiestuve «Splendid» Rīgā, Kungu ielā 21, tālrunis 27249.

*מיין פֿאָטערס טייערן*
*אָנדענק געווידמעט.*

# די ערשטע נביאים

# אריינפיר.

די יידישע נביאים פאַרנעמען אַ באַזונדערן אָרט מיט זייער מויזנטעריאָריקער שטאַרקער השפעה אין דער געשיכטע.

קלאָר און דייטלעך טיילט זיך אויס דער נביאים־שטראָם אין אַלגעמיינעם ים פון די וועלט־געשעעניששן, ווי זיינען אָנזאָגער פון נייע צייטן. שטענדיק קומען זיי אין מאָמענטן פון איבערברוך, פון איבערקערענישן, זאָל דאָס זיין גרויסע מלחמות, אָדער אינער־לעכע קריזיסן פון פעלקער.

דאָס האָבן זיי באַשאַפן און אַרויסגערוקט דעם באַזונדערן כח פון מענטשלעכן וואָרט, פון גייסט, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין דער שפּראַך.

געלעבט און געווירקט אין משך פון העכער פינף הונדערט יאָר, זיינען די נביאים צווישן זיך שטאַרק דיפערענצירט, הגם פאַרייניקט מיט אַן אַלגעמיינער אידעע. דאָך איז די באַזונדערע כאַראַקטעריסטיק פון יעדער נביא און זיין צייט חייניק אַריינגע־דרונגען אין באַוווסטזיין פון יידן.

אין מיין בוך זיינען ניט אַריינגעקומען, ווי באַזונדערע אָפּ־האַנדלונגען, די גרויסע נביאים הושע, ישעיהו און יחזקאל צוליב דעם, וואָס זיי פּאַסן ניט צו דער ספּעציעלער קאָנצעפּציע פון נביאים־רעוואָלוציאָנערן.

הושע איז געווען דער נביא, באַ וועמען ליבע און חסד זיינען די הויפּט־מאָטיוון פון זיינע נביאות, דער ווייבלעכסטער און ווייכסטער נביא, דער איינציקער נביא, וואָס האָט ניט געקענט

מוחל זיין יהון דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אחאבס פאַמיליע אין אפרים, הגם דאָס איז געטאָן געוואָרן אין יהודהס נאָמען און מיטן אָנטייל פון די נביאים פון יענער צייט (אליהו און אלישע).

ישעיהו איז דער פּאָזיטיווסטער נביא, אַ מקורב און אַ קרוב פון קיסר, וואָס האָט געווירקט אויף די געשעענישן, ווי אַ הערשער, און ניט ווי אַ רעוואָלוציאָנער. דער נביא, וואָס האָט זיך געקענט דערלויבן ניט באַקעמפן די פאַלשע נביאים. נאָר זיי פאַראַכטן, זיך ניט רעכענען מיט זיי. אויב מיר זאָלן אפילו אָננעמען פאַר ריכטיק די לעגענדע וועגן ישעיהוס מאַרטירער־טויט, איז ער דאָך נאָר געשטאָרבן, ווי אַ רעוואָלוציאָנער, אָבער געלעבט, ווי אַ זינגער, אָנערקענט פון זיין צייט.

די העכסט־אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט פון יחזקאלן קען געוויס ניט צוגערעכנט ווערן צו רעמדאָזיקן ארט נביאים, הגם ער איז געווען פון דערזעלבער פּאָליטישער אָריענטאַציע, וואָס ירמיהו. דער אונטערשייד ליגט אין דעם, וואָס ירמיהו איז געווען אָריענטירט אויף בבל, לעבנדיק אַליין אין ירושלים, וואָס ס'איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער־העלדישער אַקט. יחזקאל אָבער האָט געהאַלטן פאַר בבל, לעבנדיק אין בבל, וואָס איז געווען, פאַרקערט, פּאָליטיש באַקוועם און לייכט. אויסער דעם איז יחזקאל מער כּוהן ווי נביא, מער געזאָרגט וועגן גאָטס הויז, ווי וועגן גאָט אַליין. דער נביא, וואָס האָט געגעבן אַ באַשטימטע פאָרמע און דיסציפּלין פאַר דער ברויזנדע קראַפט פון נביאות.

# דער ערשטער נביא—שמואל.

## I. שמואל דערפילט זיך פאר א נביא.

העכער 3000 יאר פאר אונדזער צייט, האבן די עברים־פאסטעכער פון כנען ביסלעכווייז אנגעפאנגען אריבערצוגיין צו ערד־ארבעט און סעדעריי. אין דער זעלבער צייט האבן זיי אלץ מער געליטן פון די אנפאלן פון די שכנישע פעלקער—פלישתים, עמלק, אדום און אנדערע.

די צעווארפנקייט פון די שבטים, דער צופעליקער שופט, זיינען געווען שלעכטע באשיצער פון לאנד. די נויטיקייט פון א פארייניקטער מלוכה איז געווען קלאר פאר אלעמען. פאר דער צייט האט זיך געביטן אויך די אמונה פון פאלק, זיין גייסטיקער לעבן, זיינע אנפירער.

שמואל האט געלעבט אין דער איבערגאנגס־צייט פון דער ייִדישער געשיכטע און אליין געשמידט די צוקונפט פון זיין פאלק און לאנד. אליין א שופט, האט שמואל איבערגעלעבט דעם אונטערגאנג פון העראישן שופטים־פעריאד און איבערגאנג צום קיסרטום, צו א מלוכה, פארייניקט פון אלע עברישע שבטים אין כנען.

שמואל איז געווען דער פאליטישער און גייסטיקער אנפירער פון זיין צייט. דער כראניקער פון תנ״ך דערציילט, אז ווען שמואל איז נאך געווען יונג איז גאטס רייד געווען א זעלטענע דערשיי־

נוגנ באַ די עברים. צו דער צייט פון שמואלס עלטער, נאָכן דורכפירן אַ לאַנגע, סיסטעמאַטישע, גייסטיקע אַרבעט, רעדט זיך שוין וועגן אַ גאַנצע קאַסטע נביאים. מחנותווייז פלעגן זיי אַרומ־גיין איבערן לאַנד מיט געזאַנג און אָרקעסטערן מוזיק און מיט זייער שטימונג אָנשטעקן אויך אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן פריער צו נביאים און נביאות קיין שייכות ניט געהאַט. דער עצם כאַ־ראַקטער פון דער נביאות, איר אינהאַלט האָט זיך געביטן, אָנגענומען אַ קלאָרע, בולטע, פאָרם. שמואלן דאַרף מען רעכענען פאַרן ערשטן גרויסן נביא באַ די עברים.

שמואלן רופט מען נאָך רואה — דער פאָרויסזעער, דער העלזעער. שמואלס צייט איז געווען די איבערגאַנגס צייט פון „פאָרויסזעער" צום נביא. און אין דערזעלבער צייט באַנוצט מען אויך דעם טערמין נביא. דאָס ווערטל „ווי קומט שאול צו די נביאים" האָט זיך געבילדעט אומגעפער אין דער צייט.

נאָך קלערער ווערט, אַז שמואל איז געווען ניט קיין איינ־פאַכער „פאָרויסזעער", נאָר אַ נביא. ווען מיר הערן זיך צו צו זיינען רייד, קוקן זיך צו צום כאַראַקטער פון זיין טעטיקייט. אין שמואלן געפינען מיר שוין די הויפטשטריכן פון די שפּעטערדיקע, גרויסע יידישע נביאים. אין דער צייט, ווען אַרום האָט געהערשט און געבליט דער קולט פון קרבנות, קומט שמואל און פרעגט שטרענג און פאַרוווּנדערט: „פאַרלאַנגט דען יהוה קרבנות? פאַר־שטענדעניש און געהאָרכזאַמקייט איז בעסער ווי שעפּסן־פעטס". דער קאַמף מיט קרבנות שנירט שפּעטער דורך מיט אַ רויטן פאָדעם די רייד און די טעטיקייט פון כמעט אַלע נביאים.

שמואל איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט צעטיילט די ראָלע פון כוהן און נביא. ביז אים זיינען זיי געווען ענג פאַר־בונדן. דער כוהן און דער אָראַקול איז געווען איין און דערזעל־בער מענטש — דאָס איז דער פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטשן. דער נביא וויל ניט זיין קיין פאַרמיטלער, ער וויל, אַז דער מענטש אַליין זאָל באַגרייפן, פאַרשטיין און געהאָרכן גאָט. דערפון נעמט זיך די קאַלטע באַציונג צו קרבנות. ווייל דער קרבן האָט דעם מענטשן ניט געמאַכט נענטער צו גאָט, דער

קרבן האָט נאָר געצויגן גאָטס אויפמערקזאַמקייט אַף מענטשן, און אין דעם פֿאַל געניוטיקט זיך אין פאַרמיטלער — דעם כּוהן, און ניט אין נביא. די כּהונה איז געווען אַ ירושה־זאַך, אַ יחוס וואָס האָט געשטאַמט פֿון די עלטערן. נביאות איז געווען אָפּהענגיק פֿון דער בּאַגייסטערונג און פֿייִקייט פֿון מענטשן, און האָט אַרייַנגע־דרונגען אין פאַרשיידענע שיכטן פֿון פֿאָלק, פֿון אָרעם בּיז רייך, פֿון פּאַסטעך בּיז קיסר. די צעטיילונג פֿון כהן און נביא האָט מיטגעבראַכט צו אַ העכערער מדרגה פֿון מענטשנס פאַרשטיין, געפֿילן און וויסן.

נביאיש איז אויך בּאַ שמואלן זיין בּלינדער, פאַנאַטישער גלויבּן אין יהוהן און פאָדערן דאָסזעלבּע פֿון די אַרומיקע. אין שמואלס קאָנפֿליקטן מיט שאולן איז שאול גערעכט אַף גאָר די הונדערט פּראָצענט און אַף די זעלבּע הונדערט פּראָצענט איז שמואל אומגערעכט. עס איז אָבּער דאָ איין פאַרענטפערונג: „יהוה האָט אַזוי געהייסן".

אַ נביא איז אויך שמואל לויט זיין אַרט לעבּן. פֿון קינדווייז אָן בּיזן לעצטן אָטעם איז ער איבּערגעגעבּן יהוהן. די איינהייט־לעכקייט פֿון זיין לעבּן, דער איבּיקער ציל, צו וועלכן ער שטרעבּט שטענדיק, מאַכט אים פֿאַר אַ מענטשן מיט אַ בּאַרוף, צו וואָס ער גרייט זיך פֿון דער מוטערס בּויך אָן. ניט אומזיסט איז אונדז געבּליבּן אַן אויספֿירלעכע שמואלס בּיאָגראַפֿיע און ווי עס האָט זיך נאָך גענרייט צו זיין געבּורט זיין מוטער חנה.

די פֿרומע און געבּילדעטע פֿרומע פֿרוי — חנה פֿון בּאַרג אפרים, איז געווען אומגליקלעך אין איר פאַמיליען־לעבּן, ניט דער־מיט וואָס איר מאַן אלקנה האָט איר ניט גוט געהאַלטן. פאַר־קערט, ער איז איר געווען געטריי און זי איז בּאַ אים געווען זייער טייער, אָבּער זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט און זיין צווייטע פֿרוי האָט אַף איר אומגליק יע געהאַט קינדער. חנה פֿלעגט קומען צום כוהן עלי אין שילה, אין יהוהס פּאַלאַץ, און דאָרט אויסגיסן איר בּיטער האַרץ, אין דער שטיל צוזאָגן און אַ נדר געטאָן זיך, אַז ווען זי זאָל אַ זון געבּאָרן, וואָלט זי אים אינ־גאַנצן געווידמעט פאַר יהוהן.

חנה איז געווען אַזוי צעבראָכן פון איר אומגליק, אַז זי האָט ניט געקענט איינשטיין אַף אירע פיס און דער כהן עלי האָט איר אָנגענומען פאַר אַ שיכּורע. אָבער חנה האָט אים קלוג גענטפערט, אַז קיין וויין און קיין ביר האָט זי ניט געטרונקען און שיכּור איז זי פון איר שווער געמיט. איר פאַרלאַנג און האָ־פענונג איז אַ זון צו געבאָרן און אים אָפּגעבן פאַר יהוהן. עלי האָט איר געבענטשט, חנה האָט אַ זון געבאָרן און זי האָט אָפּ־געהיט און אויסגעפירט איר צוזאָג. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן שמואל—געליען בּאַ גאָט—און ווי נאָר זי האָט איר קינד אַף די פיס געשטעלט, האָט זי אים געבראַכט און אָפּגעגעבן אין יהוהס פּאַלאַץ, אין שילה.

שמואל האָט זיך געהאָדעוועט בּאַ עלין, בּאַם כּוהן פון שילה, וווּ עס האָט זיך געפונען יהוהס פּאַלאַץ. עלי איז געווען אַן אַלטער פרומער מאַן און האָט דערצויגן שמואלן אין יהוהס נייסט. שמואל האָט זיך איבּערגעגעבּן יהוהן מיט זיין גאַנצער יונגנטלעכער קראַפט.

די ראָלע פון די כּוהנים האָבן פּאַקטיש אויסגעפירט עלים צוויי זין, שלעכטע, גייציגע מענטשן. די קרבּנות פלעגן זיי אופעסן, ניט דערוואַרטנדיק אַפילו בּיז זיי וועלן זיך אויסבּראָטן. זיי האָבן געזינדיקט מיט די פרויען, וואָס האָבן בּאַדינט אין גאָטס פּאַלאַץ. דאָס פאָלק איז געווען אופגערעקט, און בּעס אַף די כוהנים.

אויך דער יונגער שמואל האָט זיך צו דעם צוגעקוקט מיט עקל און צאָרן און אָפט געטראַכט, אַז נאָך עלים טויט בּלייבּט ניט צווישן די כּוהנים קיין ריכטיקער פירער פון פאָלק, קיין געהאָרכזאַמער יהוהס קנעכט. אין דער רייכער, קינדערשער שמואלס פּאַנטאַזיע האָט זיך אַריינגעגנבעט און איינגעלעבּט דער געדאַנק, אַז ער—שמואל—וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון אַ פירער בּאַ די עברים. אמת, ער איז ניט קיין כּוהן אָבער נידערט דען אַראָפּ יהוה נאָר צו כּוהנים? עלים זין זיינען כּוהנים און זיינען אַזוי שרעקלעך זינדיק, אַזוי וויים אָפּגעטראָטן פון גאָטס ווילן און פאַרלאַנג!

ס'איז שפּעט אין דער נאַכט. דער אַלטער עלי איז שוין

האַלב בלינד, שלאָפט זיין אַלטן, שוואַכן שלאָף. אין היכל ווו עס ברענען די הייליקע ליכט, לעבן ארון, ווו עס זיינען געווען די לוחות, ליגט דער יונגער שמואל. ער ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגן, אָבער ער שלאָפט ניט, ער איז אינעווייניק וואַך. זיין פאַנטאַזיע — אינגאַנצן איבערגעבן זיך יהוהן, ווערן גרויס און באַוווּסט פון דן ביז באר־שבע לאָזט אים ניט רוען. אים דוכט זיך, אַז עפּעס אי־נעווייניק אין אים לעבט און רופט אים.

ווער איז דאָס אין אים, אויב ניט יהוה?

ער עפנט די אויגן, אָבער קיינער איז ניטאָ. די ליכט שיקן זייערע שטראַלן און באַלויכטן דעם ארון, און אַרום איז שטיל. נאָך פעסטער מאַכט שמואל צו די אויגן און ער הערט ווי מען רופט אים:

— שמו—אל!

ער לויפט צו עלין פרעגן וואָס דאַרף ער, מסתמא האָט ער אים דאָך גערופן, אָבער עלי ענטפערט האַלב פאַרשלאָפן:

—כ׳האָב דיר ניט גערופן שמואל, גיי לייג זיך —

שמואל גייט צוריק צו זיך, אָבער נאָך ווייטער איז אָפּגע־טראָגן דער שלאָף פון אים און נאָך נענטער זיינען געוואָרן די געדאַנקען און חלומות. און ווידער הערט ער, אָבער שוין נאָר דייטלעך און קלאָר דיזעלבע שטימע:

שמו—אל!!

ער עפנט די אויגן — די ליכט, דער ארון ווי געווען, קיין מענטש איז ניטאָ. ווידער לויפט ער צו עלין, אָבער דאָסמאָל איז עלי שוין ניט פאַרשלאָפן, עס דוכט זיך, ווי ער וואָלט גע־וואַרט אַף אים און וויל אים עפּעס זאָגן, און ווידער הערט ער פון אים דיזעלבע רייד: — גיי, שמואל, לייג זיך, איך האָב דיר ניט גערופן —

שמואל איז דערשראָקן אַוועק פון אים און נאָר וואָס ער לייגט זיך, נאָר וואָס ער מאַכט צו די אויגן, ווידער דיזעלבע שטים:

— שמו—אל!!!

קלאָר און דייטלעך האָט ער דאָס געהערט, קיין ספק ניט.

חער־זשע רופט אים, אויב ניט עלי! און ער לויפט ווידער צום כּוהן:

— פאָטער עלי, דו האָסט מיר גערופן!

אָבער דאָסמאָל איז עלי גאָר אַן אַנדערער, אַן אומרויקער, אינגאַנצן וואַך און ענטפערט ניט אַף זיין פראַגע, נאָר זאָגט אים:

— גיי לייג זיך, מיין קינד, און ווערסטו ווידער דערהערן אַז מען רופט דיר, זאָלסטו צו מיר ניט לויפן פרעגן, נאָר הער זיך איין און ענטפער: רייד יהוה, דיין קנעכט הערט דיר!

פול מיט אינערלעכער דערוואַרטונג, מיט אַ קלאַפּנדיקער האַרץ, איז שמואל ווידער אַוועק לייגן זיך און הערט דײַטלעך ווי מען רופט אים:

— שמואל, שמואל!!!

— רייד, יהוה, דיין קנעכט הערט דיר.

— איך, יהוה, וועל אין ישראל אָפּטאָן אַזוינס, אַז ווער עס וועט דאָס דערהערן, וועט אים שטענדיק קלינגען אין די אויערן! איך, יהוה, וועל משפּטן עלים הויז פאַר די זינד פון זיינע קינדער. איך שווער, אַז מיט קרבּנות און מתּנות וועט די זינד ניט פאַרגעבן ווערן! —

שטיל, אין שרעק צוזאַמען מיט אינערלעכער פרייד, איז געבליבן ליגן שמואל. ביזן פרימאָרגן. אינדערפרי האָט ער די טירן געעפנט, ניט געוואָלט גיין צו עלין אים איבערגעבן וואָס יהוה האָט געזאָגט. עלי אָבער האָט אים צוגערופן און געהייסן אַלץ דערציילן. שמואל האָט קיין זאַך ניט געלייקנט. עלי האָט רואיק אויפגענומען יהוהס רייד, נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזן זיין אַלטן קאָפּ. שמואל איז שוין געבליבן אַף אייביק יהוהס געטרייער נביא. און שוין אין זיין ערשטער פאַנטאַזיע, אין זיין ערשטן נביאישן חלום געפינען מיר דעם אינהאַלט פון נבואה: ניט אַן איינפאַכער, מעכאַנישער פאַרווייזאָגן פון געשעענישן, נאָר אַן עטישער געבאָט. די צוקונפט איז אָפּהענגיק פון דער פאַרגאַנגנהייט, זינד ווערט געמשפּט און מיט קרבּנות און מתּנות ווערט עס ניט פאַרגעבן.

## II. דער חורבן שילה און דער אנהייב פֿון נביאים.

די הויפּט־פֿיינט פֿון די עברים אין יענער צייט זיינען געווען די פּלישתּים. דאָס איז געווען אַ שטאַרק פֿאָלק, וואָס האָט גע־לעבט אין דרום־מערבֿ זייט פֿון כנען, האַרט בײַם מיטללענדישן ים. מיט העכער 3000 יאָר צוריק זיינען זיי געווען אַ פֿאָלק מיט אַן אַנטוויקלטער טעכנישער און רעליגיעזער קולטור. זיי האָבן שוין געהאַט גרויסע שטעט (גת, אשקלון, אשדוד א. א.) און גע־ווען פֿאַרביסענע שונאים פֿון די עברים. אָנגעפֿירט פֿון פֿינף פֿירשטן־טיראַנען, זיינען זיי דאָך געווען איניק אין זייער שנאה צו די עברים און אָפֿט זיי געראַבירט און געשלאָגן.

צו שמואלס צייטן איז די לאַגע געוואָרן פֿון טאָג ערגער. עס איז ניט געווען בײַ די עברים קיין שופֿט, קיין פֿירנדע פּער־זאָן, וועלכע זאָל פֿאַראייניקן די שבֿטים, אָרגאַניזירן דעם ווידער־שטאַנד קעגן די פּלישתּים: דעם כּוהן עלים אויטאָריטעט איז גע־פֿאַלן פֿון טאָג. אַלט און בלינד, האָט ער אינגאַנצן אָפּגעלאָזן די לייצעס, איבערגעגעבן די כּהונה זיינע זין, וועלכע זיינען געווען זינ־דיק און ניט באַליבט בײַם פֿאָלק.

בײַ אַזאַ לאַגע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מלחמה מיט די פּלישתּים. די עברים האָבן געשטעלט אין קאָן דאָס לעצטע און דאָס גרעסטע, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט — דעם ארון־קודש. מיט־גענומען מיט זיך אין מלחמה דעם הייליקן ארון, כּוהנים זיינען געגאַנגען פֿאָרויס, און זאָל יהוה אַליין פֿאַרטיידיקן זיך און זיין פֿאָלק. אָבער יהוה האָט, קענטיק, ניט געוואָלט פֿאַרטיידיקן ניט זיך און ניט זיין פֿאָלק. די פּלישתּים האָבן צעקלאַפּט די עברים, די כּוהנים האָט מען דערהרגעט און אַפֿילו דעם ארון אַליין האָט מען גענומען אין געפֿענגעניש.

אזא זיג איבער יהוהן האָט איינגאָנצן אַראָפּגעװאָרפן די כוהנים, זייער װערדע און אױטאָריטעט באַם פאָלק. װען עלי האָט זיך דערװוּסט, אַז דער ארון איז געגומען אין געפענגעניש, אַז פון ײדן איז אָפּגעטאָן זייער כבוד, האָט ער באַקומען אַ האַרץ־שלאָג, אַראָפּגעפאַלן פון שטול אין איז געשטאָרבן. די פלישתּים זיינען דערװייל ניט געשלאָפן, זיי האָבן פאַרשפּרייט זייער נצחון, פאַרנו־מען שילה און פאַרקנעכטעט אַ גרויסן טייל פון די עברים.

דאָס איז אינדעראמתן געװען דער ערשטער חורבן פון יידישע מאַטעריעלע הייליקייטן. דער חורבן שילה, דער גלות־פּלישתּים איז געװען ניט קלענער און ניט בעסער פאַר די שפּעטערדיקע חורבנות און אויך אַזוי װי די שפּעטערדיקע, איז דער חורבן געװען אַן אי־בערקערעניש אין דער יידישער געשיכטע. צו צװיי װיכטיקע רע־זולטאַטן האָט ער געפירט: צום אויסבילדן פון אַ פאַראייניקטער יידישער מלוכה און צום אַנטשטיין און אַנטװיקלען פון נביאות.

װוּ איז יעמאָלט געװען שמואל, דער געטרייער יהוהס קנעכט? װאָס איז מיט אים פאָרגעקומען?

מיט אים איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. פון איצט האָט ער גענומען פאַרשטיין און פילן, אַז יהוה איז ניט אין ארון, ניט אין פאַלאַץ, בכלל ניט אין קיינע מאַטעריעלע זאַכן, נאָר עפּעס אַזוינס, װאָס מען קען ניט אָנטאַפּן מיט די הענט, זען מיט די אויגן: אַזוי װי די שטימע, װאָס האָט אים גערופן, הגם ער האָט קיינעם ניט געזען. דעם ארון האָט מען טאַקע גענומען אין גע־פענגעניש צו די פלישתּים, אָבער יהוה איז באַ די עברים, אין די הערצער באַ די מענטשן. מען דאַרף נאָר אַרויסטרייבן פון דאָרט די געצן בעל און עשתּרות. אמת, ס׳איז נימאָ קיין געהייליקטער אָרט, װוּ צו ברענגען קרבנות פאַר יהוהן, אָבער איז עס אומבאַ־דינגט נויטיק? פאַרלאַנגט דען יהוה אַזוי פיל קרבנות?

און עס נעמט זיך װעבן שמואלס נביאות. עס שאַדט גאָר ניט, װאָס ער, שמואל, איז ניט פון אַ כוהנישער אָפּשטאַמונג. דער מענטש אַליין קען זיך באַגייסטערן און אַזוי זיך דערהייבן צו דער מדרגה פון אַ נביא. נביאות גייט זיך ניט איבער בירושה, פון טאַטן

צום זון, איז ניט אַן ענין פון יחוס, נאָר אַ געטלעכער צושטאַנד, וועלכער דאַרף פאַרשפּרייט ווערן און אָנשטעקן אַנדערע.

שילה איז חרוב און שמואל האָט זיך אומגעקערט אַהיים אין רמה. דאָרט האָט מען שמואלן אויפגענומען מיט ליבע און כבוד, אָבער אויך רמה איז ניט געוואָרן קיין שטענדיקער זיץ-אָרט פאַר שמואלן. קיין אָרט איז איצט ניט הייליק! שמואל פלעגט אַרומפאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, אַרומגיין פון איין דאָרף אין אַנדערן, אומעטום געלערנט און דערציילט. אַז מיט דעם אונטערגאַנג פון שילה און פון די כּוהנים, איז יהוה נאָר ניט אונטערגעגאַנגען. יהוהן האָט מען ניט געקענט נעמען אין געפאַנגעניש, ווייל ער איז גייסט, געדאַנק, געפיל, גערעכטיקייט, וועלכע זיינען דאָ אומעטום. אָט דורך דער לערע איז שמואל אויסגעוואַקסן פון אַ „פאָרויסזאָגער" אין אַ נביא, וועלכער איז מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון די עברים.

ער האָט געפונען אַסך אָנהענגער, טרייע תּלמידים, יונגע נביאים, וואָס האָבן אָנערקענט שמואלן פאַר אַ פאָטער און לערער. קרבּנות האָבן זיי פאַרביטן מיט שפּילן און געזאַנג פאַר גאָט און אין דער באַוועגונג אַריינגעצויגן אַלעמען, ווער עס איז נאָר געווען פעיק צו באַגייסטערן זיך, באַזונדער די לוויים.

זיבן חדשים איז אָפּגעשטאַנען דער ארון אויף די פעלדער פון די פלישתּים. קיין באַזונדערע נחת האָבן זיי פון אים ניט געהאַט. ווו דער אָרון איז אָנגעקומען, דאָרט פלעגט זיך אָנהויבן אַ מגפה, אַ קרענק. מען האָט אים אַרומגעשיקט פון איין אָרט אין צווייטן, אָבער אומעטום האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אומגליק, ביז די פלישתּים האָבן צוריק אָפּגעשיקט די פרעמדע הייליקייט אין איר היים.

ווי האָבן די עברים צוריק אויפגענומען דעם ארון-קודש?

קאַלט, אָן באַגייסטערונג, אָן פרייד. אָנגעקומען איז ער אין בית-שמש אין די רעכטע היצן, אין שניט-צייט און דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן די זעלבע קרענק, וואָס ביי די פלישתּים. הייסט דאָס, אַז ניט די פלישתּים ווערן באַשטראָפט, נאָר דער ארון אַליין ברענגט מיט זיך אומגליק. ס'האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים די פרייד

און די הייליקייט און די איינוווינער פון בית־שמש זוכן פון אים פטור צו ווערן. אים אָפּגעשיקט אין קרית יערים. דאָרט האָט זיך איינגעפונען עפּעס אַ דרייסטער מענטש, וועלכער האָט גענומען דעם ארון צו זיך אין שייער. אַזוי איז ער אָפּגעשטאַנען אין שייער צוואַנציק יאָר, פאַרגעסן פון גאָט און לייט.

ווו איז יעמלט געווען שמואל, פאַרוואָס איז ער נים געקו־מען צו יהוהס הייליקייט?

יהוה איז שוין געווען אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון די עברים. מען האָט שוין איצט נים געדאַרפט קיין ארון, קיין פּאַלאַץ, קיין כוהנים. די נביאים זיינען אַרומגעגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, אומעטום פאַרשפּרייט און געלויבט יהוהס נאָמען.

און אַפילו שפּעטער, ווען די כוהנים האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט נוב און עלים אייניקל אַחיטוב האָט דאָרט צוזאַמענ־געקליבן די איבערגעבליבענע הייליקייטן פון שילה, האָט עס נים געצויגן צו זיך דאָס פאָלק. שמואל האָט אָפן איגנאָרירט נוב מים אירע כוהנים. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון שפּעטערדיקן שטענדיקן אַנטאַגאָניזם צווישן כוהן און נביא. דער נביא באַציט זיך גלייכגילטיק, אָפט מיט פאַראַכטונג צו קרבנות, ווי צום הויפּט־גע־ווער פון די כוהנים. דער נביא האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ גאַנץ אַנדער געווער צו באַהערשן דאָס פאָלק. דאָס איז די קראַפט פון וואָרט, די באַגייסטערונג. וואָס דער גלויביקער מענטש גיט איבער דעם גלייכגילטיקן, דער יהוהיסט דעם, וואָס גלויבט נים אין יהוהן.

די רייד, וואָס דער תנ״ך ברענגט פון שמואלס נאָמען, ציי־כענען זיך אויס מיט זייער פּאָעטישער פאָרם, קורצקייט און שאַרפ־קייט. שמואל באַנוצט די רעטאָרישע פראַגע, אַ ליטעראַרישע פאָרמע, וועלכע ווערט באַנוצט ווי אַן עמאָציאָנעלער אויסדרוק. דאָס וואָרט פאַרן נביא איז נים נאָר אַ מיטל פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך, נאָר אַ באַזונדערע צויבערקראַפט, אין וועלכער דאָס פאָלק גלויבט. זיין ברכה איז געבענטשט, זיין קללה איז געשאָלטן. פון דעם מאָמענט, וואָס דער נביא לאָזט אַרויס פון זיין מויל די ברכה, ווערט עס אַ פּאָזיטיווע, גוטע קראַפט, די קללה — אַ נעגאַטיווע, שלעכטע קראַפט.

פון איצט אָן דינט מען יהוהן ניט נאָר מיטן קרבן, נאָר אויך מיטן ווילן, מיטן וואָרט. דער תנ"ך דערציילט וועגן די געשעענישן איינפאַך און פראָסט. גלייך אָבער בייט זיך דער סטיל און טאָן, ווען מען ציטירט שמואלן. דאָ הערט אויף די פראָזע און עס הויבט זיך אָן פּאָעזיע. די שפּראַך ווערט רייך אין ווערטער, באַגריפן און פאָרמעס. דאָס וואָרט איז דאָ אַן אויסדרוק פון אינערלעכן, באַגייסטערטן צושטאַנד.

דער נביא איז געווען ניט אַליין. זיינע נאָנטע און איבערגעגעבענע אָנהענגער, ד. ה. וועלכע האָבן זיך אויך געקענט באַגייסטערן מיט יהוהן, זיינען אויך געוואָרן נביאים. זיי רופן זיך בני-הנביאים — יונגע נביאים. אַזוי וואַקסט אויס אַרום שמואלן אַ גאַנצע שול פון נביאים. דער נביא איז ניט קיין אייניצלנע דערשיינונג, נאָר אַ גאַנצע באַוועגונג, אַ שטענדיקע, אַ פאַרשפּרייטע, וועלכע האָט אויסגעפירט אַ וויכטיקע ראָלע אין לעבן פון פאָלק. די נביאים האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ כנען, פון דן ביז באר-שבע, איבער די צוואָרפענע שבטים פון די עברים. דאָס זיינען זיי געווען די ערשטע, וואָס האָבן פאַראייניקט די שבטים אין איין פאָלק. וואַנדערנדיק איבער די אייניצלנע שבטים, האָבן זיי זיך באַקענט מיטן באַזונדערן כאַראַקטער פון יעדן שבט, מיטן לעבנס-שטייגער און באַשעפטיקונג פון די שבטים. די לידער, וואָס זיי האָבן געשאַפן און געזונגען, זיינען געוואָרן אַן אייגנשאַפט פון גאַנצן פאָלק, פון אַלע שבטים. דאָס האָבן זיי געשאַפן דעם עברישן עפּאָס. די ליד פון דבורה הנביאה, יעקבס צוואה אין חומש בראשית געהערן צו די דאָזיקע ווערק.

מיט לייריקן פלעגט מען צום נביא ניט גיין, עפּעס אַ מתנה האָט מען אים געדאַרפט ברענגען. די מתנה האָט אָבער ניט באַשטימט דעם נביאס רייד, ניט געהאַט קיין ווירקונג אַף זיינע באַציונגען. ווען שאול איז געגאַנגען זוכן די פאַרפאַלענע אייזלען און זיך ניט געוואָלט ווענדן צום פּראָוויזאָר אָן אַ מתנה, האָט דער יינגל, וואָס איז געגאַנגען מיט שמואלן, געפונען בא זיך אַ פערטל פון אַ זילבערנעם שקל, און דאָס איז גענוג געווען. דער נביא האָט

ך אַזוי ניט אָפּגעזאָגט פון דעם פאָרויסזעערס פונקציעס, פון אַן אָראַקול.

דער טיפער אונטערשייד ליגט אין דעם, וואָס דער פאָרויס־זאָגער איז אַ מעכאַנישע קראַפט, האָט ניט קיין מאָראַלישע באַציונג צו דעם, וואָס ער זאָגט פאָר. די צוקונפט איז באַשטימט, נאָר פאַרדעקט פון דער נעוויינלעכער אויג, און דער אָראַקול, דער פאָרויסזאָגער, ווייס עס יע. אנדערש איז דער נביא; ער ווירקט אַף דער צוקונפט, די צוקונפט איז אָפּהענגיק פון דעם מענטשנס מעשים.

## III. דער נביא און דער ערשטער קיסר.

די לאַגע פון די עברים אין שאולס ציַיטן איז געווען אָפּ־הענגיק פון די פּלישתּים. זיי האָבן געהערשט איבער גאַנץ דרום־מעריב פון כנען. פון די פּלישתּים האָבן ניט נאָר געליטן די גרעניץ־לענדער, אין פּאָרם פון אָנפאַלן און רויבעריַיען, נאָר אַפילו אַזעלכע וויכטיקע שבטים, ווי בנימין און אפרים, זיַינען געווען אונטערטעניג די פּלישתּים. בּאַ די עברים האָט נאָר די קראַפט געקענט זיַין אַווטאָריטעט, וואָס זאָל זיך קענען קעגנשטעלן די פּלישתּים. שמואל איז אָבער ניט געווען קיין מלחמה־מענטש. ווי אַ נביא האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די פּלישתּים קענען באַזיגן מיט אַן איינהייטלעכן, שטאַרקן יהוה־פּראָנט, מען מוז פאַרוואַרפן דעם קולט פון די געצן, די אויסגעלאַסנקייט, שיכּרות, זנוּת.

„און זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין מצפּה, געשעפּט וואַסער און אויסגעגאָסן פאַר יהוהן, געפאַסט אין יענעם טאָג און געזאָגט: מיר האָבן געזינדיקט פאַר יהוהן!... און ווען מען האָט געדאַרפט ברענגען די שלאַכט־קרבּנות, האָט שמואל גענומען אַ קליינעם, יונגן מילך־שעפּסעלע, אים אינגאַנצן פאַרברענט פאַר יהוהן און געשריען צו יהוהן פאַר די יידן".

און יהוה האָט זיך אָפּגערופן אַף אַזאַ שוואַכן, מאָגערן, אָבער ריינעם קרבּן.

אַזוי זיַינען אַריַינגעטראָגן געוואָרן ניַיע מאָמענטן אין צו־גריַיטן זיך צום קריג, אין אויסבילדן דעם גייסט פון די עברים, אין שווערע מלחמה־טעג. און דאָס איז געבליבן אויך שפּעטער, ווען די מלחמות האָט שוין געפירט שאול — אַן עכטער קריגס־פירער. אויך יעמאָלט האָט מען געפאַסט, זיך מאָראַליש געריַיניקט צום קריג.

און שמואל האָט געזיגט ניט נאָר איבער די כּוהנים, ניט נאָר איבער זיַין פאָלק, נאָר אויך איבער די פּלישתּים.

פינף און צוואַנציק יאָר האָט שמואל אָנגעפירט מיט די עברים. די באַדייטונג פון די כּוהנים איז פאַר דער צייט כּמעט אַנולירט געוואָרן, די קרבנות פאַרקלענערט. יהוה איז שוין באַוווּסט און באַקאַנט בײַ די עברים, ווי אַן אַלמעכטיקער שטרענגער גאָט. אַפילו אין העלדישן יהודה האָט מען אָנערקענט יהוהן. אָבער דער יאָך פון די פּלישתּים ווערגט נאָך. די ייִדן האָבן נים קיין שווערדן און נים קיין שפּיזן, אַפילו נים קיין מאַטעריאַל פון וואָס דאָס צו מאַכן, און נים קיין בעל־מלאכות, ווער עס זאָל דאָס מאַכן, מים שטוביקע שטיינערנע געווער דאַרפן זיי זיך קעגנשטעלן די אָנפאַלן פון די פּלישתּים, וואָס האָבן אײַזן, רעדער און רײַטוועגן. און וואָס וועט זײַן ווען שמואל וועט שטאַרבן, פאַרמאַכן די אויגן? עס וועט אַפילו נים זײַן, ווער עס זאָל בעטן בײַ יהוהן, שמואלס זין קענען נים ירשנען, נים זײַנע נביאות, נים זײַן גוטן נאָמען.

וווּ איז דער מענטש, וווּ איז די קראַפט, וואָס זאָל באַשיצן די לאַנד? אין וועלכן שבט, אין וועלכע קרײַזן דאַרף מען זוכן דעם צוקינפטיקן הערשער איבער אַלע שבטים, די עברים זאָלן פאַר אים מורא האָבן, אים האָרכן, און ער זאָל זיי פאַרטיידיקן!

נים לאַנג איז עמון, אונטער דער אָנפירונג פון זײַער הערשער, וועלכן מען האָט, נים אומזיסט, גערופן „דער שלאַנג" אָנגעפאַלן אַף דער שטאָט יבש גלעד. גלעד אַליין קען זיך נים קעגנשטעלן די עמונים און וויל זיך שוין אונטערגעבן, אַזוי ווי אפרים און בנימין בײַ די פּלישתּים. אָבער דעם הערשער פון עמון, ווי אַן אמתן שלאַנג, איז דאָס ווייניק. ער וויל אַף אייביק מים שאַנד און שפּאָט באַדעקן דעם נאָמען פון ישראל, אויסשטעכן בײַ אַלעמען די רעכטע אויג, פאַר דער גאַנצער וועלט זאָל מען טראָגן דעם בזיון פון קנעכטשאַפט, פון פּחדנות.

ווער וועט ראַטעווען פון אומגליק!

און מען האָט אַרויסגעשיקט שלוחים אין יעדער ווינקעלע פון ישראל, בעטן הילף, דערציילן וועגן אומגליק און שאַנד, וואָס עס שטייט פאָר. און ווען מען איז געקומען אין שבט בנימין, אין גבעת־שאול, צו שאולן אין הויף, איז ער, שאול,

דאן אינדערהיים ניט געווען, געפיטערט די שאף אין פעלד. נעקומען פון פעלד, דערהערט א געשריי, א געוויין, און ווען שאול האט דערוווסט די סיבה פון געוויין, די באליידיקונג פון עמון, האט ער גלייך דערפילט אין זיך גאטס גייסט, דערפילט אין זיך א קראפט צו פאראייניקן די באזונדערע שבטים פון די עברים, באצאלן ווי עס קומט דעם עמונישן שלאנג. די שלוחים פון גלעד האט ער באקויקט, פארשפראכן הילף און אפגעשיקט אהיים, אליין האט ער צעשניטן א רינד אף צוועלף טיילן, פאנאנדערגעשיקט איבער די צוועלף שבטים פון ישראל מיט אן אופרוף: „ווער עס וועט זיך ניט אפרופן אף דעם אומגליק פון יבש-גלעד, וועט מיט זיינע רינדער געטאן ווערן ידאסזעלבע". די ענערגישע שטרענגע פאדערונג האט געווירקט. מען האט זיך צוזאמענגעקליבן און צעקלאפט די עמונים.

אזא האנדלונג פון שאולן, זיין פאראייניקונגס-קראפט, זיינע גרויסע מלחמה-פעיקייטן, זיין העלדישקייט, האבן אים ארויסגעשטופט אפן ערשטן פלאן פאר א קומעדיקן פירער, פאר א מלך איבער ישראל. הויך, פארנעם, מיט א קאפ העכער פון אלעמען, דערצו שטיל און באשיידן, איז ער געווען ניט נאר געאכט, נאר אויך געליבט באם פאלק.

שמואל האט אייגנטלעך גארנישט געהאט וואס אויסצוזעצן קעגן שאולן, ווי א מלך. אויסער אלע פערזענלעכע מעלות איז שאול נאך געווען פאסיק דערמיט, וואס ער וואקסט ניט פון א מיוחסדיקער משפחה אין א וועלכן עס איז שטארקן שבט, פון וועלכן עס קען זיך שפעטער בילדן אן אריסטאקראטיע. ער איז פון א פראסטער ערד-ארבעטער פאמיליע, פון יינגסטן שבט בנימין. ער איז א געטרייער קנעכט פון יהוהן און איז געהארכזאם די נביאים, ער איז גאר אליין אמאל אריינגעפאלן צווישן די „בני-נביאים."

שמואלן איז אבער ניט געפעלן די גאנצע אידעע פון א מלוכה, פון א קיסר. הייסט דאס דען ניט פארביטן יהוהן מיט א קיסר! אויסער אלץ, האט שמואל אין דעם איינגעזען אן אומדאנקבארקייט פון פאלק צו אים. האט ער, שמואל דען ניט

געטריי געדינט זיי זיין גאַנצן לעבן? „האָט ער חעטען באַרויבט, אָדער צוגענומען וועמען אַן אייזל, אָדער אַ רינד?" פאַרוואָס איז מען מיט אים אומצופרידן און מען וויל אים פאַרבייטן מיט אַ קיסר? און ניט נאָר אים — שמואלן, יהוהן אַליין וויל מען דאָך פאַרבייטן. עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן. אחוץ דער געפאַר פון אויסן, האָבן זיך צו יענער צייט שוין איינגעפונען אַ סך עברים ערד-אַרבעטער, פאַר וועמען עס איז ניט געווען צוגעפאַסט די האַלב-קאָמונאַלע פאַסטעכער-אָרדנונג, ווו די הערשער זיינען געוועזן די „אַלטע" אין דער משפחה און צופעליקע שופטים. עס מוז קומען דער קיסר, וועלכער וועט פאַראייניקן די שבטים אין איין פאָלק. עס האָבן ניט געהאָלפן אפילו שמואלס אָנווייזונגען אַף דער עקספּלאָאַטאַציע און פאַרקנעכטונג, וואָס מוז קומען מצד דעם קיסר.

עס איז געשען.

שאול איז געוואָרן דער יידישער קיסר.

שמואל האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פון אַ מלוכה, געמוזט זיך צופאַסן צו דער נייער, געשאַפענער לאַגע. אָבער די אינערלעכע אומצופרידנקייט, די מורא, אַז דער קיסר וועט אופהויבן די קאָפּ העכער פאַרן נביא, וועט זיך ניט שטענדיק אונטערוואַרפן יהוהס געבאָטן, האָט געמאַכט שמואלן באַזונדער אייפערזיכטיק. ער טשעפעט זיך צו שאולן אומזיסט און אומנישט ער זעט אַ פאַרמינדערונג פון זיין כבוד, ניט געהאָרכזאַמקייט צו יהוהן דאָרט, ווו דאָס איז נאָר באמת שווער צו געפינען.

ווען דער קלאַנג וועגן אַ יידישן קיסר איז דערגאַנגען צו די פלישתים, האָבן זיי אופגעקליבן אַ גרויסע אַרמיי: „30.000 רייט-וועגן, 6000 רייטער און פאָלק, ווי זאַמד אַפן ברעג ים". שוין פריער האָט דעם נייען קיסרס זון, דער העלד יונתן, צעקלאַפּט דעם פלישתישן פירשט. און שאול האָט וועגן דעם געגעבן צו וויסן מיטן שופר צו אַלע שבטים. עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די עברים, אַפילו פון יענעם זייט ירדן, פון גד און גלעד. זיין זאַמל-פונקט האָט שאול געמאַכט אין גלגל. זיבן טעג דאַרף ער דאָרט וואַרטן אַף שמואלן, דאָרט וועט מען ברענגען

די מלחמה־קרבנות פאַר יהוהן און דערנאָך לאָזן זיך אין שלאַכט. די פּלישתּים אָבער וואַרטן ניט קיין איין מינוט: אַלץ מער גרייפן זיי אָן, זיי האָבן שוין פאַרנומען מיכמש, ניט ווייט פון גלגל. די עברים זיינען זיך צעלאָפן, באַהאַלטן אין די גריבער, אין די שפּאַלטן פון די פעלזן. מיט וויטיק קוקט זיך צו צו דעם שאול. ער איילט צום קריג, מוז אָבער בלייבן זיצן מיט געבונ־דענע הענט און אויסוואַרטן אַפן נביא ביז ער וועט ברענגען די קרבנות. דאָס פאָלק פאַרשטייט ניט אַזאַ אויסוואַרטן, וועלכער קען ברענגען מיט יעדער מאָמענט צו אַ קאַטאַסטראָפע.

נאָר אָט זיינען שוין אַריבער די זיבן טעג, וואָס שמואל אַליין האָט באַשטימט מען זאָל אַף אים וואַרטן און ער איז ניטאָ, ניט געקומען. אין פאַרצווייפלונג צעלויפט זיך דאָס פאָלק פון שאולן, די פּלישתּים זיינען שוין אַפן נאָז, און דער קיסר, דער פירער זיצט און טוט גאָרנישט. דאָס איז דער גרעסטער קלאַפּ פאַרן אַווטאָריטעט פון יונגן קיסר, פון דער נייער מלוכה בכלל.

פאַרוואָס האָט עס שמואל פאַרשפּעטיקט און ניט געקומען צום טערמין פון 7 טעג, וועלכע ער אַליין האָט באַשטימט?

און צוואָס איז בכלל געווען נויטיק אין אַזאַ געפערלעכן מאָמענט אָפּהאַלטן דעם אַרויסטריט אין מלחמה אַף אַ גאַנצע וואָך? איז דאָך אַזוי וויכטיק, אַז דער אָנפאַנג פון קריג זאָל דיקטירט ווערן פון די קריגס־באַדינגונגען אַליין און ניט פון עפּעס אַ זייטיקער כּוונה!

צי האָט ניט שמואל געהאַט די פאַרבאַהאַלטענע כּונה צו שטערן שאולן ווערן פּאָפּולער באַם פאָלק, שטערן דעם נצחון?

פאָדערט דען ניט די געפאַר פאַרגעסן אָן אַלע צערעמאָ־ניעס, כבוד אָפּגעבן און צוגעבן מיט איינער דעם אַנדערן, כּדי צו זיכערן דעם נצחון איבער די פּלישתּים?

און שאול נעמט צוזאַמען זיין גאַנצע, אינערלעכע מוט, ברענגט אַליין די קרבנות פאַר יהוהן, כּדי צו לאָזן זיך אין גע־פערלעכן שלאַכט.

אין דעם מאָמענט קומט אַרויף שמואל, אַן אומצופרידענער, מיט אַ טענה: סטייטש, וואָס האָסטו געטאָן? פאַרוואָס האָסטו

ניט געוואָרט אַף מיר!

עס העלפן ניט די לאַגישע, וויכטיקע דערקלערונגען פון שאולן, און שוין איז פאַרטיק דער שטרענגער אורטייל: — דו האָסט ניט געהיט יהוהס אָנזאָג, דיין מלוכה וועט ניט האָבן קיין קיום, דו ביזט ניט יהוהן צום האַרצן צו זיין אַ פירער פון זיין פאָלק!

מיט אַ געפאַלענעם מוט צוליב דער אומזיסטער אומצופרידנהייט מיט אים פון נביא, איז שאול מיט יונתנען אַוועק אין קריג. זעקס הונדערט דרייסטע העלדן זיינען אינגאַנצן געבליבן באַ שאולן, צוליב דער אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט און מלחמה־טאַלאַנט פון יונתן האָט זיך דער קריג איינגעגעבן. די פלישתים האָט מען צעקלאַפּט. שאול פאַרפעסטיקט די נייע מלוכה, ניט נאָר איבער די פלישתים, — איבער מואב, עמון, אדום, עמלק, אומעטום זיגט דער נייער קיסר, ראַטעוועט די יידן פון זייער געפערלעכן פיינט. ווער עס האָט נאָר געהאַט מוט און פעסטקייט, אַלע העלדן, אַלע דרייסטע מענטשן האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום שאולן, צו בויען און באַשיצן די נייע מלוכה, און די לאַגע שיינט צו זיין באמת אַ גליקלעכע.

שמואל אָבער רוט ניט. ער קומט צו שאולן מיט אַ נייעם באַפעל. די היסטאָרישע פיינט פון יהוהס פאָלק זיינען די ווילדע עמלקים. ווען די עברים האָבן נאָך אַרומגעוואַנדערט איבער די מדבריות, פלעגן די עמלקים זיי באַפאַלן און באַרויבן, און איצט, ווען די לאַגע פון די עברים איז געוואָרן פעסט, גיט אָפּ שמואל שאולן אַ באַפעל: „גיי און שלאָג עמלקן, פאַרוויסט אַלץ וואָס ער האָט, זאָלסט אַף אים קיין רחמנות האָבן, טויט יונג און אַלט, מאַן און פרוי, אָקס און שעפּס“.

שאול איז גלייך גרייט אויסצופירן דעם נביאס באַפעל. אַפילו דער שבט יהודה, וואָס האָט זיך, ביז איצט, געהאַלטן פון דערווייט, איז געקומען צו דעם קריג. מען האָט אינגאַנצן צעקלאַפּט עמלק, אויסגעהרגעט דאָס פאָלק, דעם קיסר פון עמלק, דעם גרויזאַמען אגג, האָט מען אַ געשמידטן אין קייטן געבראַכט אין יידישן לאַגער צוזאַמען מיט די בעסטע רינדער און שעפּסן,

וואָס די עמלקים האָבן פאַרמאָגט. דעם פאָלק האָט פאַרדראָסן אומצוברענגען אַזאַ האָב און גוטס און שאול, וועלכער איז געווען העלדיש און מוטיק קעגן שונא, האָט אויך פאַרשטאַנען ווי צו באַגיין זיך מיטן פאָלק, ווי צו אַכטן זיינע גוטע געפילן. ער האָט ניט איינגעזען אין דעם קיין אומגעהאָרכזאַמקייט קעגן יהוהן און זיין נביא שמואל אין נאָכגעגעבן דעם פאָלק אין זיינע ווונטשן און פאָדערונגען. פאַר שמואלן אָבער אין די אויגן איז שאול באַגאַנ-גען אַ טויט-פאַרברעכן.

שאול קומט פון קריג, באַגריסט דעם נביא, און אַנשטאָט אַ פריינטלעכן קבלת-פנים, פרעגט אים שמואל בייז: „וואָס פאַר שטימען פון שעפסן און רינדער הער איך דאָס? שאול פאַר-ענטפערט זיך, אַז דאָס פאָלק האָט אַזוי געפאָדערט, אַז דאָס פאָלק האָט רחמנות געהאַט אומזיסט אומצוברענגען די שאָף. פון זיי וועט מען קענען ברענגען קרבנות פאַר יהוהן. אָבער אַזאַ ענטפער דערצאָרנט נאָך מער שמואלן.

— וואָס פאַרלאַנגט דען בעסער יהוה, פרעגט שמואל, מען זאָל פאַר אים פאַרברענען און קוילענען. אָדער האָרכן זיין געבאָט? דאָס פאַרשטענדניש איז פאַר אים טייערער, ווי די פעטס פון שעפסן!

שאול זעט, אַז ער האָט אַריינגעבראַכט אין צאָרן דעם בייזן נביא און וויל מיט גוטן געפינען אַן אויסוועג. ער אָנער-קענט זיך פאַר שולדיק, ער בעט מען זאָל אים מוחל זיין, ניט מאַכן דערפון קיין עפנטלעכע קריג צווישן קיסר מיטן נביא. זאָל דער נביא ניט פאַרשעמען דעם קיסר פאַר די גרויסע לייט פון ישראל.

האַרט ווי אַ שטיין אָבער איז די האַרץ פון שמואלן, און עפנטלעך קערט ער זיך אָפּ פון אים. שאול בעט זיך, כאַפּט אָן שמואל פאַר דער פאָלע פון זיין נביאישן מאַנטל און די פאָלע צערייסט זיך: אַן אומגליקלעכער באַווייז, אַז צעריסן האָט יהוה די מלוכה פון שאולן און אַוועקגעגעבן אַן אַנדערן, אַ בעסערן פון אים.

אַזוי איז שמואל געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענומען וואקלען דעם קיסרלעכן טראָן. אויך שפּעטער זיינען די נביאים געוואָרן די נשמה פון די שטענדיקע איבערקערענישן אין מלכות ישראל.

# IV. דער אנטייל פון די נביאים אין דודס בונט קעגן שאולן.

אין דעם אופשטאַנד, וואָס דוד פון שבט יהודה האָט אופ־געהויבן קעגן שאולן, זײַנען די נביאים געווען אַף דודס צד. דער נביא גד, אײנער פון שמואלס „נביאישע קינדער", האָט באַגלייט דודן פון ערשטן טאָג פון זײַן קאַמף און איז שפּעטער געוואָרן אַ הויף־נביא בײַ דודן. אָבער אויך דער אַלטער שמואל אַליין איז ניט געווען קיין שטומער צושויער אין דער גאַנצער געשיכטע. לויט אײן פאָלקס־מעשׂהלע איז שמואל געווען דער, וועלכער האָט געזאַלבט דודן פאַר אַ מלך, ווען ער איז נאָך געווען אַ פּאַסטעך בײַ זײַן טאַטעס שאָף.

בײַ שמואלן האָט דוד געפונען אַ שוץ קעגן שאולס פאַר־פאָלגונגען, ער האָט זיך באַהאַלטן בײַ שמואלן. דער אַלטער נביא האָט יעמאָלט געלעבט בײַ זיך אינדערהיים אין רמה, ווייט פון קיסרלעכן הויף. צו אים איז געקומען צולויפן דוד, שמואל איז מיט אים אַוועק אין אַ דערבײַיקן דערפל לעבן רמה. אַרום זיי האָבן זיך נאָך אַרומגעקליבן די „נביאישע קינדער" און דאָרט געלעבט ווי נביאים, פון דאָרט געשפּינט די פעדים פון אופשטאַנד. ווען שאול האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער געשיקט ברענגען דודן. אָבער אָנשטעקנד איז געווען יהוהס באַגײַסטערונג, און די שלוחים האָבן פאַרגעסן אָן זײער שליחות און אַליין אַרײַנגעפאַלן צווישן די נביאים. דאָסזעלבע האָט געטראָפן מיט דער צווייטער פּאַרטיע געשיקטע פון שאולן. יעמאָלט גײט שאול אַליין נאָך דודן. נאַקע־טערהייט פאַלט ער, ווי די נביאים, אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. מענטשן שטײען אַרום, וווּנדערן זיך און פרעגן: „ווי קומט שאול צו די נביאים?" (אין דעם מאָמענט האָט דאָס ווערטל פאַרמאָגט אין זיך אויך איראָניע, ווײַל מען האָט געוווּסט,

אַז די נביאים גראָבן שאולן). אָבער דוד האָט זיך שוין דערווייל אַרויסגעמאַכט און איז אַנטלאָפן.

עס גייט אָבער ניט נאָר אין דער מאַטעריעלער הילף, וואָס דער נביא האָט געגעבן דודן, נאָכמער וואָס געשיכטלעך שטייט עס אונטער אַ פראַגע־צייכן, עס גייט אַף דער מאָראַלער אונטערשטיצונג און אַווטאָריטעט, וואָס די נביאים האָבן געשאָנקען דעם יונגן בונטאַר. אינדעראמתן, ווער האָט געגעבן דעם מוט דודן אופהויבן די האַנט אַפן „געזאַלבטן“ קעניג? ווער האָט געגעבן דעם ראָמאַנטישן רויבער דעם נויטיקן אַווטאָריטעט אין די אויגן פון אַ קליינעם טייל באַפעלקערונג?

ווער האָט געגעבן די דרייסטקייט צו פאַרבינדן זיך מיט די גרעסטע שונאים פון די עברים, מיט די פלישתים און עמונים, נאָר כדי צוצונעמען די קרוין פון שאולן?

— דאָס זיינען געווען די נביאים, וועלכע זיינען אָפּגעטראָטן פון שאולן און אין יהודהס נאָמען געשטיצט דודן.

וואָלט שאול געווען ניט אַזוי ערלעך, מער „דיפּלאָמאַטיש“, און זיך געשאַפן אַ קאַסטע פאַלשע נביאים, אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן די שפּעטערדיקע הערשער, וואָלט ער אפשר געראַטעוועט פאַר זיין משפחה דעם טראָן. איצט אָבער זיינען די נביאים געווען אַף דודס צד און דאָ ליגט די סיבה פון דודס טריומפט און קנעכטישע איבערגעבנקייט יהוהן, דאָ איז דער קוואַל פון דער אויסדרוק פון דודס פּאָעזיע.

אין רעכטן ברען פון דודס בונט קעגן שאולן, איז שמואל געשטאָרבן. זיין ווירקונג אָבער אויך אַפן אויסגאַנג פון בונט איז גרויס. שמואל האָט געגעבן שאולן אַזאַ מאָראַלישן קלאַפּ, אַז ער האָט זיך פאַרלאָרן, אָפּט אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע.

שמואלס לעבן איז ענג פאַרבונדן מיט אַלע וויכטיקע געשעענישן פון זיין צייט. אָנגעהויבן פון אַ הילפס־יינגל באַם כוהן עלי, איז שמואל אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ נביא. ער האָט איבערגעלעבט דעם חורבן פון שילה, וועלכער האָט געשיינט לכתחילה צו זיין א חורבן פון יהוהן. אָבער שמואל האָט דערצו ניט דערלאָזן. ער האָט אויפגעלעבט די נביאות, באַשאַפן אַ נייעם

אויטאָריטעט פון נביא באַם פאָלק, צעשטערט דעם אויטאָריטעט פון קרבנות, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אין שילה, איינגעפלאַנצט באַ די שבטים דאָס באַוווּסטזיין פון איינהייטלעכקייט, פון זייער געמיינזאַמען וואַנדערן איבער די מדבריות.

ווען באַ די עברים אין כנען איז געוואָרן דאָס קיסרטום אומפאַרמיידלעך, האָט שמואל אַוועקגעשטעלט יהוהן און זיך העכער פאַר דער מלוכה, געפאָדערט פון קיסר בלינדע געהאָרכזאַמקייט, און ווען ער האָט זיך דערפילט ניט זיכער מיט שאולן, האָט ער אים אַראָפּגעוואָרפן פון טראָן.

אין דעם אַלץ זעען מיר פאַר זיך דעם טיפּ פון נביאים, וועלכע האָבן שפּעטער הונדערטער יאָרן געהאַט די גרעסטע השפּעה אין דער יידישער געשיכטע.

---

# די הויף־נביאים.

## I. נתן און גד.

די ייִדישע מלוכה איז געוואָרן די ווײַכטיקסטע דערשײַנונג אין כנען, אַ גרויזאַמער פּאַקט פֿאַר פּלישתּים, עמון, אדום, עמלק און אַנדערע שכנים פֿון די עברים.

בּראש פֿון דער מלוכה שטייט דוד המלך, דערזעלבער דוד, וועמעס שווערד און שאַרפֿן פֿיל. האָבּן שוין לאַנג געפֿילט די אַרומיקע פֿעלקער אַף זייער אייגענעם לייבּ, פֿון וועמעס העלדיש־קייט עס דערציילן קינד און קייט. אַפֿילו אין שבט בּנימין, וווּ מען האָט לאַנג ניט געקענט פֿאַרגעסן די קרובהשאַפֿט צום הויף אין שאולס צייטן, איז מען שוין מיד פֿון דער אינערלעכער קריג און שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פֿון דודס קיניגן.

אָבּער אין וועמעס נאָמען קיניגט דוד! וועמען לויבּט ער פֿאַר זיינע נצחונות? צו וועמען ווענדט ער זיך אין שלעכטע צייטן? — צו יהוהן. יהוה איז די שטאַרקסטע פֿעסטונג דודס. מיט זיין נאָמען פֿאַרניכטעט ער פֿרעמדע פֿעלקער און זייערע געטער, יהוהס קאָנקורענטן. שמואלס אידעאַל איז פֿאַרווירקלעכט. דער נביא האָט איצטער ניט וואָס צו זיין אומצופֿרידן מיט דער מלוכה, פֿאַרקערט, דער מלך איז דער געטרייסטער יהוהס קנעכט. די פֿיינט פֿון יהוהן ליגן צעטראָטן מיט די פֿיס דורך דעם מלך. פֿאַר די נביאים איז אייגנטלעך ניט געבּליבּן,

וואָס צו טאָן. זייער באַגייסטערונג האָט זיך אויסגעשעפּט, זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. קיין נייע נביאים זיינען נים אָנגעקומען, נאָר גד און נתן זיינען געבליבן אין הויף מיט דודן. זיי זיינען זיינע אַלטע גוטע פריינט. זיי האָבן געטיילט מיט אים די צרות און פּיין, ווען ער איז נאָך געווען פאַרפאָלגט פון שאולן. אָבער אויך איצט האַלטן זיי אָפן די אויגן און היטן, אַלץ זאָל גיין אין יהוהס וועגן.

דוד אַליין איז אַ בּרוויזנדער טעמפּעראַמענט, נים נאָר אין מלחמה, נאָר אויך אינטים, אין פּערזענלעכן לעבן. זיין עראָטישער באַטריב, זיין תּאוה צו פרויען איז גרויס און עס איז נישטאָ דער צאַם, וואס זאָל אים קענען איינהאַלטן.

אין אַ קילן זומער־אָוונט דערזעט ער אָפן דאַך די שיינע בת־שבען. באַלד באַהערשט ער איר און טוט נאָך אָפּ אַ מיאוסע שטיקל אַרבעט מיט איר מאַן: ער הייסט אים שטעלן אין קריגס־פייער און אים אַזוי דערהרגענען.

דער כראָניקער פון תּנ״ך נים אַ סימפּאַטישן בילד פון אַ העלדישן אָפיצער אין דודס אַרמיי, פון אוריה החתּי, דער מאַן פון דער שיינער בת־שבע, מיט וועמען דוד האָט געזינדיקט. דוד האָט געוואָלט באַהאַלטן די פאָלגן פון זינד און גערופן אוריהן אַהיים פון פראָנט. אוריה איז געקומען, אָבער צו זיך אין שטוב נים געגאַנגען — „די אַרמיי, דער קאָמאַנדיר זיינען אין פעלדער און איך וועל גיין רוען צו זיך אַהיים!״ און אַפילו ווען דוד האָט אים אָנגעשכורט, האָט אוריה נים פאַרגעסן וועגן זיין באַרוף, וועגן זיינע חברים און איז צו זיך אין שטוב נים אַריין, און אַזוי צער־שטערט דודס פּלאַן צו פאַרדעקן די זינד און אָפּ זיך גערופן דעם טויט.

אַזאַ עפּיזאָד וואָלט פאַרבייגעגאַנגען אומבאַמערקט אין אַ קעניגלעכן הויף, ווו עס ווימלט מיט אַזוינע פאַרברעכנס. אָבער דאַן קומט דער הויף־נביא נתן און דונערט אָפּ דודן און די עולה, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

נתן הויבט אָן פון דערווייט מיט אַ משל: „עס האָבן גע־לעבט צוויי שכנים, אַן אָרעמאַן און אַ רייכער. דער אָרעמאַן האָט

געהאַט איין אײנציק שעפעלע, וועלכע ער האָט געהאָדעוועט און ליב געהאַט ווי אַן אייגענע טאָכטער. דער רייכער האָט געהאַט גאַנצע סטאַדעס בהמות, שעפסן, פעטע רינדער. און ווען צום רייכן איז געקומען אַ גאַסט, האָט ער גענומען דאָס אײנציקע שעפעלע פון אָרעמאַן, געקוילעט און מכבד געווען דעם גאַסט.

דער קיסר, וועלכער איז גלייכצייטיק דער העכסטער ריכ־טער, דאַרף מישפּטן דעם רייכן.

דודס געוויסן איז אופגעקאָכט פון דער עולה און שטרענג איז זיין משפּט: אַ טויט־אורטייל פאַר אַזאַ פאַרברעכער.

דער פאַרברעכער אָבער איז ער אַליין, ער איז דאָס דער רייכער, וועלכער האָט צוגענומען דאָס אײנציקע שעפעלע בא אוריהן.

דער משל איז אַפילו שוואַכער פאַרן נמשל, דעם רייכנס זינד מיט דער שעפסעלע איז אַ קליניקייט לגבי דודס פאַרברעכן, פאָרט איז נתן אַ הויף־נביא און ער מאַכט ווייכער דודס פאַר־ברעכן. אָבער אויך ער איז אַ נביא און באַנוגנט זיך ניט מיטן משל, ער שיט פעך און שוועבל אויף דודס קאָפּ. ער דערמאָנט אים זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט: „איך, יהוה, האָב דיר געזאַלבט פאַר אַ מלך אויף יידן, איך, יהוה, האָב דיר געראַטעוועט פון שאולן און דיר אַוועקגעגעבן זיין הויז, זיינע פרויען, און איצט האָסטו אָפּגעטאָן אַזאַ פאַרברעכן!" יהוה נעמט דאָס אָן פאַר אַ פרוען־לעכער עולה, פאַר אַ פאַראַכטונג קעגן אים, דעם גאָט פון משפּט און גערעכטיקייט.

דוד האָט געזינדיקט שטילערהייט, באַהאַלטן, צוגעדעקט מיט דער שטילקייט פון דער נאַכט, ער אָבער, יהוה, וועט נעמען נקמה פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל, פאַר דער ליכט פון דער זון.

אַ צעבראָכענער, מאָראַליש דערשלאָגן, פול מיט תשובה און חרטה, איז דער יידישער קיסר געשטאַנען פאַר יהוהס שליח, פאַרן נביא.

נאָך אַמאָל באַגעגענען מיר נתנען בא זיין נביאישע ראָלע— ניט דערלאָזן בויען דעם בית־המקדש, אָפּציען די צייט פון אויס־בויען אַ צענטר פאַר קרבנות און כוהנים.

דוד איז אַף דער עלטער זאַט מיט נצחונות, זײַן נאָמען קלינגט ניט נאָר אין יהודה, נאָר באַ אַלע אַרומיקע פֿעלקער. ער שנײַדט די פּאַרטיקע און זיסע פּרוכט פֿון זײַן לאַנגן און שווערן קאַמף. ער האָט אויסגעבויט שטעט און פּאַלאַצן, די הויפּט-שטאָט האָט ער אַריבערגעפֿירט אין ירושלים, אַפֿן באַרג ציון האָט ער זיך אַ טורעם אויסגעבויט און מען רופֿט עס „דודס טורעם“.

אָבער וווּ געפֿינט זיך יהוה? זײַן ארון? וווּ קלײַבט זיך צוזאַמען דאָס פֿאָלק ברענגען קרבנות פֿאַר יהוהן?—יהוה איז נע-ונד, ער וואַנדערט אַרום פֿון שילה צו די פּלישתּים, פֿון די פּלישתּים איבער די דערפֿלעך פֿון בנימין און אפֿרים, אין בית-שמש, קרית-יערים, נוב, גבעה. די הײליקײטן זײַנען צעוואָרפֿן און דוד באַשליסט, אַז דער צענטראַלער פּונקט פֿון דער מלוכה, די הויפּט-שטאָט מוז אויך זײַן אַן אָרט פֿאַר יהוהן. ירושלים דאַרף ווערן קודם-כּל יהוהס הויפּט-שטאָט. דוד שענקט אוועק גרויסע רײַכקײטן פֿאַרן בית-המקדש—הונדערט טויזנט וואָג (ככּר) גאָלד, אַ מיליאָן זילבער, טײַערע שטײנער, טענענבוימער אָן צאָל. אַלץ, וואָס מען האָט צוגענומען באַ די פּלישתּים, עמלקים, עמונים אין די פֿיל-יאָריקע מלחמות, ווערט אָפּגעגעבן ווערן פֿאַר יהוהס הויז. צום בויען וועלן אויסגענוצט ווערן די הויכע טעכנישע קענטענישן פֿון די פֿעניקיער, מיט וועמען דוד איז אין גוטע באַציונגען.

און מיטאַמאָל קומט דער נביא נתן און לײגט אַרויף זײַן וועטאָ. ער, דער נביא, באַציט זיך בכלל קאַלט צו דער אידעע פֿון אַ בית-המקדש, פֿאַר אים איז וויכטיק ניט נאָר דער טעמפּל, נאָר די מיטלען מיט וועלכע מען בויט אים, דער מענטש וואָס בויט אים. און דער נביא געפֿינט אַ פֿלעק אַף דודן — ער איז ניט ווערט צו בויען דעם בית-המקדש: ער האָט בלוט פֿאַרגאָסן!

אַזאַ מאָראַלע באַציונג צום שונאס בלוט איז באמת אַ נײַער נביאישער געדאַנק אין דער אַלטער וועלט!

אויב אַפֿילו דער מאָטיוו פֿון בלוטפֿאַרגיסן איז נאָר אַן אויסרײד, איז אויך וויכטיק, וואָס אַזאַ אויסרײד איז אַרײַנגעלײגט אין נביאס מויל.

דער נביא איז דער דאָזיקער, וואָס ליגט אָפּ, צום אָפּ די צייט פון אַ צענטער פאַר קרבנות און כּוהנים. יהוה איז דער אַלטער גאָט פון מדבּר, דעמאָלט ווען די מענטשן האָבּן געלעבּט אין געצעלטן און אויך ער, יהוה, האָט זיך באַנוגנט מיט אַ געצעלט.

דער אַלטעבּטיקער הערשער דוד וואַרפט זיך אונטער דעם ווילן פון נביא, הגם דאָס איז בּפירוש קעגן זיינע קיסרלעכע און מלוכה־אינטערעסן. דער בּית־המקדש וואָלט דאָך שטאַרקער פאַרייניקט די באַזונדערע שבטים אין איין מלוכה, וואָלט אויפגעהויבּן די באַדייטונג פון דער נייער הויפּט־שטאָט ירושלים.

בּכלל לעבּט דוד גוט מיטן נביא. ער האָט אים דערנענטערט צו זיך, געמאַכט אים פאַר אַ הויף־מענטש און דערמיט אָפּגעטויט זיין גיפט. בּאַ אַ געלעגנהייט דערמאָנט אים אַפילו דער נביא זיין פאַרגאַנגנהייט—פון אַ לומפּ געוואָרן אַ הערשער איבּער די יידישע שבטים!— אָבּער דער גרויזאַמער דוד לאָזט זיך גלייך אַראָפּ, אָנערקענט זיך פאַר שולדיק, ווערט ווייך ווי אַ שעפּסעלע.

נתן איז אויך דער דיפּלאָמאַט פון קיסרלעכן הויף. ער שפּילט אַ ראָלע אין באַשטימען דעם יורש פון דודס טראָן.

דוד לאָזט איבּער אַ גרויסע פאַמיליע ווייבּער מיט קינדער און די לאַגע צו דער צייט פון זיין שטאַרבּן איז אַ פאַרפּלאָנטערטע. די גרעסטע פּרעטענדענטן אַף דודס שטול זיינען: אַדוניהו, דער זון פון חגית, און שלמה, דער זון פון בּת־שבע, צוליבּ וועמען נתן האָט אַמאָל אַזוי בּיטער געשטראָפט דודן.

דער הויף צעטיילט זיך אַף צוויי קעמפנדע צדדים און נתן איז פאַר בּת־שבעס זון, קעגן אַדוניהון, דעם זון פון אַ געצנדינערישער פרוי. דוד אַליין גוססט, ס'איז נישט די צייט צו קומען מיט טענות, און ווי אַן אמתער הויף־מענטש דריקט נתן גלייך אָן די נויטיקע פּרוזשינע: ער שיקט אונטער צום שטאַרבּנדן דודן זיין געליבּטסטע פרוי בּת־שבע בּעטן פאַר איר זון.

גד החוזה, דער העלזעער, דער סינטעז פון פאַרויסזעער און נביא, איז דער, וואָס האָט באַגלייט דודן פון זיינע ערשטע טריט אין קאַמף מיט שאולן בּיז די לעצטע יאָרן. ווי אַ געטרייער חבר, קומט ער אין אומגליקס־מאָמענטן און מיט זיין עצה, מיט זיין

גלייך ווֹארט, העלפט ער דורך געפינען דעם ריכטיקן וועג. צוויי מאָל באַגעגענען מיר גדן, ווי ער העלפט דודן, און דאָס אלץ אין אומגליקס־מאָמענטן. בײַ אים, ווי בײַ נתנען, געפינען מיר ניט קיין ווענדונגען דירעקט צום פאָלק. מיטן פאָלק האָבן זיי ניט געהאַט וואָס צו טאָן. זיי האָבן אינגאַנצן שלום געמאַכט מיט דער אידעע פון אַ מלוכה און מיט דער פּערזאָן פון קיסר. זייער אויפגאַבע איז איצט אײַנשטעלן נעטרײַע באַציונגען צווישן קיסר און יהוהן. ווען עס קומט אָן אַן עת צרה, אַ געפאַר, ווען דער קיסר גייט אַראָפּ פון גלײַכן וועג, דעמאָלט קומט דער נביא און פאַרריכט, העלפט.

## II. דעם נביא אחיהס אנטייל אין דער שפּאלטונג פון דודס מלוכה.

נאָך דעם, ווי דוד האָט מיטן שווערד און שפּיז אויסגע־קעמפּט די גוטע לאַגע פון מלכות יהודה, איז אָנגעקומען די שטילע און גאָלדענע צייט פון שלמה המלך, די צייט, ווען ירושלים איז אויסגעפּוצט געוואָרן מיט פּאַלאַצן, ווען מען האָט אויסגעבויט דעם שיינעם רייכן בית־המקדש.

וווּ זיינען דעמאָלט געווען די נביאים? — אין שלמהס גלאַנץ־פּעריאָד האָבן די נביאים קיין אָנטייל ניט גענומען. דאָס איז געווען די צייט פון שניידן די רייכע פּרוכט פון פּריער. באַ דער אַרבעט פעלט שטענדיק דער נביא. דער בית־המקדש איז לכתחילה געווען איינער פון שלמהס פּאַלאַצן, מיט וועלכע ער האָט געפּוצט די יונגע הויפּט־שטאָט ירושלים. צוזאַמען מיט אַ פּאַלאַץ פאַר פּרעהס טאָכטער האָט ער אויך געבויט אַ פּאַלאַץ פאַר יהוהן.

די רעדע מיט אַבסטראַקטע געטלעכע געדאַנקען, וועלכע דער תנך־רעדאַקטאָר ברענגט באַ חנוכת־הבית, געהערט צו דער צייט פון גלות בבל צו אַ נביא פון ישעיהו דעם צווייטנס שול*)

דער נביא פון יענער צייט שווייגט אָבער אַרויס. און זייער אַקטיוו, ווען עס ווייזט זיך אַרויס די אינערלעכע צעפּוילטקייט פון שלמהס גלאַנץ־פּעריאָד. דער בית־המקדש, די פּאַלאַצן פאַר די פּילצאָליקע שלמהס פרויען פון מצרים, עמון, אדום, כנען האָבן אָפּגעקאָסט דעם פאָלק אסך מי און אַרבעט. שלמהס פאַר־שווענדערישער לעבן האָט געבראַכט דערצו, מען זאָל רייסן גרויסע צינזן פון פאָלק און די ריטער האָבן געפּאָכעט איבער די, וואָס

*) ז, בערנפעלד: «מבוא לכתבי הקדש», צווייטער באַנד, ספר מלכים.

האָבן ניט געוועלט און ניט געקענט צאָלן. דער העלדישער פאָלקס־פּרינץ, ירבעם, דער זון פון נבט, האָט געמוזט אַנטלויפן אין מצרים. פון אים האָט אָבער געוווּסט דער נביא אחיה פון שילה, פון זעלבן שבט אפרים, פון וועלכן עס איז געווען ירבעם. ער ווייס פון ירבעמס העלדישקייט, און אָט טרעפט ער אים אַמאָל אין פעלד, אויסערן שטאָט. קיינער זעט זיי ניט. אחיה איז פאַרוויקלט אין זיין נייעם נביאישן מאַנטל.

— האַלט ירבעם! זעסט דעם נייעם בגד! אַף צוועלף טייל רייס איך אים. צען חלקים פאַר דיר, און די איבעריקע צוויי וועלן בלייבן באַ דודס הויז!

דאָ האָבן מיר דעם לעבעדיקן בילד, דעם סימוואָל, וואָס דער נביא האָט אַזוי ליב.

וואָס ווייטער איז אַלץ מער שלמהס קיניגין געוואָרן ניט צום האַרצן די נביאים. שלמה איז פון דער נאַטור געווען דער אמתער געצנדינער. די קולטן פון בעל און עשתרות האָבן באַ־קומען פרייהייט אין ירושלים. דער שטייערן־לאַסט האָט אַלץ מער געדריקט דאָס פאָלק. צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען די קאָנקורענץ צווישן בית־אל און ירושלים, צווישן אפרים און יהודה. פריער איז אפרים גרעסער און רייכער פאַר יהודהן, איצט זיינען אַלע מקורבים פון הויף די יהודה־לייט. די קנאָה אין אפרים איז גרויס. זינט דער בית־המקדש איז אויסגעבויט אין ירושלים, קלייבן זיך אַהין די יידן פון אַלע עקן לאַנד. ירושלים וואַקסט פון טאָג, זי איז שוין איינע פון די גרעסטע שטעט אין כנען. עס האָט זיך דאָרט געבילדעט אַ באַזונדערע אַריסטאָקראַטיע פון הויף־לייט און כוהנים, וועלכע קוקן אַף די יידן פון די איבעריקע שבטים פון אויבן־אַראָפּ. באַ אַלעמען איז קלאָר די נויטיקייט אָפּצוזרייסן אפרים פון יהודה און בילדן אַ באַזונדערע מלוכה. דער גייסט, די נשמה פון דעם בונט זיינען די נביאים, דער גוף — איז דער העלד ירבעם. זייער אידעאַל האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין אַלע שבטים. נאָר די אַכטונג און די מורא פאַר שלמהן האָבן אָפּגערוקט אַף אַ ווײַלע די צייט פון אופשטאַנד.

ווי נאָר אָבער שלמה האָט צוגעמאַכט די אויגן, און אַפּן טראָן האָט זיך אַוועקגעזעצט זיין יונגער זון רחבעם, איז דער אופשטאַנד אויסגעבראָכן. ירבעם האָט זיך גלייך אומגעקערט פון מצרים און געשטעלט זיך בראש פון אופשטאַנד, אָפּגעריסן פון יהודה צען שבטים. דודס הויז איז אַף אייביק אָפּגעשוואַכט. די צוויי הויפן פירן צווישן זיך שטענדיקע מלחמות.

זיינען אויך די נביאים אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאַמף צווישן די הויפן? — שמעיה דער גאָטלעכער מענטש. וואָס איז געווען אין יהודה, האָט פון אָנפאַנג אָפּגעהאַלטן דעם קריג. ער האָט געווירקט, אַז אין יהודה זאָלן שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון דער צעטיילונג. יהוהס שליח האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט יהוהס ווילן און אויב אַזוי, איז אומזיסט די מלחמה.

אַזוי האָט איין נביא אָנגעפאַנגן די רעוואָלוציע, דער צווייטער האָט איר פיקסירט, מיטנעהאָלפן מען זאָל זיך רעכענען מיט איר, ווי מיט א פאקט.

# די קעמפער פאַר דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע אין אפרים.

## I. אליהו הנביא און די לאַגע אין מלכות ישראל.

אליהו און אלישע שאַפן אַ באַזונדערע שול אין דער נביאים־געשיכטע.

זיי טיילן זיך שאַרף אָפּ פון די הויף־נביאים דערהויפּט דערמיט, וואָס זיי זיינען אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנערן קעגן דער הערשנדער מאַכט, קעגן קולט פון בעל־מעלקאַרט, וואָס דער קייזערלעכער הויף האָט געשטרעבט איינצופירן אין מלכות ישראל. פון די הויף־נביאים זיינען זיי נאָך אַנדערש דערמיט, וואָס זיי האָבן צו טאָן מיטן איינפאַכן פּראָסטן פאָלק, אָפּט מיט די נויטן און ליידן פון איינצעלנע מענטשן.

דער פאָטער פון די דאָזיקע יונגע נביאים, וואָס האָבן געלעבט אין 9־טן יאָרהונדערט פאַר קר. געב., איז דער שטורעמדיקער קעמפער פאַר יהוהן — אליהו הנביא.

ווער איז אַזוינער דער אייביקער העלד פון דער יידישער לעגענדע?

האָט ער אין זיך וועלכע ס'איז רעאַלע שטריכן, אָדער דאָס

איז נאָר אַ שיינע מעשהלע, וועלכע ווירקט נאָך ביז היינט אױף
דער יידישער פאַנטאַזיע ? — ער איז דאָך דער איינציקער נביא
וואָס איז געבליבן אומשטערבלעך ניט נאָר מיט זיין שאַפן, נאָר,
אויך מיט זיין פערזענלעכקייט, ווי אַן אייביקער, גוטער, פרומער,
אַלטימשקער ווונדער.

כאַראַקטעריסטיש, אַז די לעגענדע האָט אויסגעמעקט פון
אליהוס פערזענלעכקייט דעם שטורם, שאַרפקייט, שטרענגקייט, וואָס
דער היסטאָרישער נביא, מיטן נאָמען אליהו, האָט אין זיך. דער
היסטאָרישער נביא איז גאָרניט אַזאַ גוטמוטיקער אַלטימשקער, ווי
דער לעגענדאַרער. מיט די אייגענע הענט קוילעט ער די בעל=
נביאים. ער קומט ווי אַ שטורם=ווינט פון יהוהן. פאַרן קייזער
אחאבן איז ער אַ בייזער פיינט, פון וועלכן ער קען זיך ניט ווערן.

אליהו איז אָבער דער איינציקער נביא אַ העלד, זיין קאַמף
איז אַ העלדישער, זיין לאַגע איז אַ גרפערלעכע און דאָס פאָלק,
וואָס האָט ליב העלדישקייט. האָט אים אויסגעקליבן פאַר זיין לע=
גענדאַרן אייביקן העלד.

צו אליהוס צייטן, ד. ה. צום ניינטן יאָרהונדערט. פאַר קר.
געב. האָט געקיניגט אין מלכות ישראל אחאב, עמרים זון.
עמרי איז געווען דער גרינדער פון דער דינאַסטיע דער קריגס=
פירער עמרי האָט זיך אויסגעבויט אַ נייע רעזידענץ אין שומרון,
אַ רוק געגעבן די הויפט=שטאָט צו צפון=מעריב נעענטער צו פי=
ניקיע מיט וועמען עס איז געגאַנגען דער הויפט=האַנדל, און די
שטאָט איז טאַקע געוואָרן אױף שטענדיק דער צענטער פון מלכות
ישראל.

פאַר אחאבס צייטן איז מלכות ישראל נאָך גרעסער געוואָרן.
די מלחמות מיט ארם האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אחאבס נצחון. די
שטאָט שומרון איז אויסגעוואַקסן, שיין און גרויס האָט זיך פאַנאַנ=
דערגעשפרייט די נייע שטאָט אױף בערג, אַרומגערינגלט מיט פרוכטבאַרע
טאָלן. אחאב האָט חתונה געהאַט מיט דער פיניקישער פרינצעסין
איזבל, אַ טאָכטער פון את=בעל, וואָס איז פריער געווען אַ כּהן
באַם בעל פון צור און דערנאָך פאַרכאַפּט דעם פיניקישן טראָן.

דער שדוך איז געווען אַ פּאָליטישער: געצילט דערנענטערן די צוויי מלוכות אפרים און פיניקיע, שומרון און צידון. דער רעכענונג איז געווען אַ ריכטיקער, איזבל איז געווען אַן ענערגישע קלוגע פרוי מיט אַ הערשנדיקן כאַראַקטער און קודם כל אינגאַנצן באַהערשט איר גוטמוטיקן און כאַראַקטערלאָזן מאַן, דעם קיסר פון ישראל.

איזבל האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן די השפּעה פון פיניקיע אין אפרים, דערהויפּט אין שומרון. די רייכע אויסגעלאַסענע קולטור פון פיניקיע איז בעסער געפעלן די איינוווינער פון שומרון, ווי די נאַציאָנאַלע יהוויסטישע, אָדער אַפילו די אָרטיקע כנענישע וואָס האָט געהערשט אין דן און אין בית אל*).

איזבל האָט אויסגעבויט אין שומרון אַ שיינעם טעמפּל פאַר מעלקאַרטן לויט דערזועלבער אַרכיטעקטור, ווי אין צור. דאָס איז געוואָרן דער טעמפּל פון אחאבס פאַמיליע און זיינע מקורבים. וואָס מער עס האָט זיך פאַרשפּרייט דער האַנדל, לעבנס־שטייגער פון פיניקיע, אַלץ איז געוואַקסן די השפּעה פון מעלקאַרטן אין אפרים. מיט דער צייט האָט איזבל געהאָפּט אַף אַ פולשטענדיקן נצחון איבער יהוהן, און נצחון פון מעלקאַרטן איבער יהוהן האָט געהייסן:

א נצחון פון פיניקיע איבער ישראל!

צו דעם האט געשטרעבט איזבל.

---

*) די רעליגיעזע איינטיילונג פון דער באַפעלקערונג אין יענער צייט איז אומגעפער געווען אַזאַ: 1) דאָס פּראָסט פאָלק, די פויערים האָבן זיך געהאַלטן אָן די היימישע בעלים, געמישט מיט יהויסטישע עלעמענטן, די קעלבער אין בית אל און דן זיינען געווען געצן פון דעם קולט. קעלבער האָבן זיך גערעכנט פאר היסטאָרישע אָפּגעטער אויך פון יהוהן. 2) אַ דינער שיכט פון דער באַפעלקערונג האָט זיך געהאַלטן אָן ריינעם יהויסטישן קולט און 3) איזבל האָט גענומען איינפירן דעם לעבנס־שטייגער פון די פיניקער. דער אָפּגאָט מעלקארט איז געוואָרן דער מלוכה־גאָט קעגן יהוהן, ווי אויך קעגן די אָרטיקע בעלים. דער פיניקישער קולט און אַרט לעבן איז געווען אַ פולשטענדיקער היפוך צו יהוהן. דערפון נעמט זיך די מלחמה, וואָס די נביאים האָבן אופגעהויבן קעגן אחאבן. דער תנ"ך רעכנט ירבעמס זינד מיט די קעלבער אין בית אל און דן, פיל קלענער און ווייכער, ווי אחאבס.

(מלכים א' ט"ז, 31).

Dr. Sanda: Elias und die religiösen Verhältnisse seiner Zeit.:זע

און דאָ הויבט זיך אָן דער קאַמף מיט די קעגנער פון בעל-מעלקאַרט.

ווער זיינען געווען די קעמפער?

די כּוהנים און אָנהענגער פון די אָפּגעטער אין בית אל און דן זיינען געווען דערשלאָגן און אָפּגעשוואַכט אין ניט געטראַכט וועגן אַ קאַמף מיט שומרון.

קעגן מעלקאַרטס קולט, קעגן דער פיניקישער השפּעה, זיינען אַרויסגעטראָטן יהודהס נביאים מיט אליהו בּראש.

וועמען האָבן זיי געהאַט הינטער זיך, אַף וועמען האָבן זיי זיך אָנגעשפּאַרט, פון וועלכע שיכטן זיינען זיי אַרויסגעוואַקסן?

דאָס זיינען געווען: 1) די לווים, 2) אַ סעקטע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון איר גרינדער רכב און 3) די נזירים.

די אַלע צוזאַמען גענומען זיינען געווען אַ דינער שיכט פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אייגנטום, קיין פעסטן עקאָנאָמישן באַזיס. זיי האָבן ניט געהערט צו די איינגעזעסענע ערד-אַרבעטער און נאָך ווייניקער צו די הערשנדע און מאַכטהאָבּער פון קייזערלעכן הויף.

די לווים אין אפרים, אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט איינגעאָרדנט בּאַ די אָרטיקע אָפּגעטער אין בית אל און דן, זיינען געבליבּן טריי דעם בּילדלאָזן יהוהן, געווען אָרעם און פרום.

רכב האָט צו דער צייט פון שומרונס אופבלי געבילדעט אַ סעקטע, וואָס איז געווען קעגן דעם קולטורעלן און אויסגעלאַסענעם לעבן פון רייכן ערד-באַזיצער און פון דער גרויסער שטאָט מיט די פרעמדע געטער. די סעקטע האָט זיך געהאַלטן אָן אַלטן נאָמאַדישן לעבנס-שטייגער, איז געווען קעגן וויין טרינקען און לעבן אין געבּויטע, געפּוצטע הייזער. אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט די שטעטישע קולטור. זיי זיינען געווען ריינע יהויסטן, אין וועמען זיי האָבן געזען דעם אַלטן נאָמאַדישן גאָט, דעם גאָט פון מדבר, פון וואַנדערער, וועלכער האָט אַליין געלעבּט אין אַ געצעלט. די סעקטע איז געווען דער יהויסטישער אַוואַנגאַרד די גאַנצע צייט בּיז נאָכן חורבן (ירמיהו ל״ה).

די נזירים האָבן געפירט אַן אַסקעטישן אָרט לעבן פון קינדווייז אָן, זיי האָבן זיך ווערבירט ווי איינצלנע מענטשן פון פאַר־שיידענע פאָלקס־שיכטן.

פון די אַלע געטרייע יהויסטן זיינען ארויס די נביאים. אַף זיי האָבן זיי זיך געשטיצט אין זייער קאַמף קעגן בעל.

בראש פון די נביאים, זייער באַגייסטערער, איז געווען אליהו.

אליהו הנביא איז געבאָרן און אופגעהאָדעוועט אין גלעד, אין עבר הירדן. דורך וואַנען די עברישע שבטים האָבן אַמאָל איינ־געוואַנדערט אין כנען און פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגעפירט דעם קולט פון יהוהן, פון גאָט אין מדבר. דאָרט לעבן די נאמאדן, די ווילדע פאַסטעכער, וועלכע קענען זיך ניט איינלעבן ניט בא ערד־אַרבעט און נאָך ווייניקער מיט דער שטעטישער קולטור. גלעד האָט געהערט צום שבט מנשה און קיין ליבע צו אפרים און זיינע אָפגעטער איז דאָרט קיינמאָל ניט קולטיווירט געוואָרן.

דאָס איז דער נאַטירלעכער קרייז, אין וועלכן ס'איז אויס־געוואַקסן אליהו.

דער נאָמען זיינער, אויב מען האָט אים אַזוי אַ נאָמען גע־געבן באַם געבאָרן, אָדער נאָך ווינטיקער, אויב דאָס איז אַ צו־נאָמען, דערציילט אונדז וועגן אינהאַלט פון לעגענדאַרישן נביא: „יהוה איז מיינער, איך בין יהוה'ס!" — אין קאַמף צווישן היס־טאָרישן יהוהן מיטן בעל פון פיניקיע מעלקאַרט האָט זיך אויס־געשלייפט אליהוס גייסט.

דאָס איז דער גייסט פון אַ קעמפער, פון אַ מלחמה־פירער צוליב אַן אידעע, צוליב גאָט. אליהו פאַרטיפט זיך ניט אין עטיש־רעליגיעזע פראַגן (אַפילו דאָרט, ווו זיי זיינען די טרייב־קראַפט, ווי אין דער געשיכטע מיט נבותן, ווירקט ער מער מיט דעם שטורמדיקן ניט דיסציפּלינירט געפיל), ווען מען דאַרף, ברענגט ער אַליין אַ קרבן, הגם ער איז ניט קיין כוהן.

אין זיין קאַמף ווייס ער ניט, וואָס דאָס איז געפאַר. ער שטעלט זיך איינער קעגן אַלע פאַפן פון בעל, קעגן איזבלן, קעגן אַ מלוכה. מיט דער דרייסטקייט, מיטן פייער פון זיין גייסט באַ־זיגט ער.

אויב שמואל איז יהוהס אַפּאָסטאָל, דער פֿאָלקס=לערער און אַגיטאַטאָר פֿון יהוהס תורה, איז אליהו זײַן מאַרשאַל, יהוהס קריגס=פֿירער, וואָס ברענגט צום נצחון.

דער הויפּט שלאַכט=פֿעלד צווישן יהוהן מיט מעלקאַרטן איז פֿאָרגעקומען אַפֿן כּרמל באַרג, דאָרט, פֿון וואַנען עס רינט אַרויס דער טײַך קישון, וועלכער האָט שוין אַמאָל מיטגעהאָלפֿן דבורה הנביאה דערטרינקען די כּנענים.

אין אפרים און אין גאַנצן צפֿון איז אַ טריקעניש, ניטאָ קיין רעגן, אפילו קיין טוי האָט שוין לאַנג ניט באַנעצט די פֿעלדער. אַלץ איז וויסט און אויסגעשטאָרבן, קיין גרעזעלע, קיין גרינס באַ=דעקט ניט די צעטריקנטע ערד. די ביסל שאָף, וואָס איז גע=בליבן, האָט מען צוזאַמענגעקליבן אין די טאָלן אַרום די בערג, וואָס זײַנען נאָך באַנעצט פֿון צעגאַנגענעם שניי. מענטשן פֿאַלן ווי די פֿליגן און וואַרטן אַפֿן שרעקלעכן טויט פֿון הונגער און דאָרשט.

שולדיק אין דעם איז יהוה מיט זײַן שליח אליהו. יהוה איז שוין פֿון לאַנג באַוווּסט מיט אַזעלכע שטראָפֿן. די הימלען ווי אײַזן, די פֿעלדער ווי קופּער, — אַזוי שטראָפֿט יהוה — און דער פֿאַרביטערטער, פֿאַרצאָרנטער קיסר פֿון געשטראָפֿטן לאַנד שיקט אַרום זוכנדיק אליהון, אָבער ערגעץ געפֿינט מען ניט דעם נביא, גראָד, ווען מען דאַרף אים אַזוי נויטיק, ווײַזט ער זיך ניט.

אחאב און זײַן הויף=קאָמענדאַנט עובדיה לאָזן זיך זוכן אין באַזונדערע וועגן, אפֿשר וועט מען געפֿינען עפּעס עסן פֿאַר די פֿי. מיטאַמאָל וואַקסט אויס פֿאַר עובדיהן אליהו.

— גיי און זאָג אחאבן, אַז איך בין דאָ!

און דער פֿרומער, אינדערשטיל פֿאַרבאָרגענער יהוהיסט עובדיה, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן הונדערט נביאים פֿון איזבלס שווערד, האָט זיך דערשראָקן, גענומען בעטן אים באַפֿרײַען פֿון אַזאַ געפֿערלעכער שליחות — גיין זאָגן, ווו אליהו געפֿינט זיך! אַזאַ אימה האָט דער נאָמען אָנגעוואָרפֿן אין קייזערלעכן הויף.

— איז דען דאָ אַ שפּעלטעלע, ווו מען האָט דיר ניט אויסגעזוכט, אַ פֿאָלק, אַ לאַנד, ווו מען איז ניט אויסגעוועזן!! או=מעטום האָט מען באַשוואָרן דיך אַרויסגעבן — זאָגט עובדיה צו

אליהון — איך וועל ניין דערציילן, ווו דו געפינסט זיך, און מיט־אַמאָל וועט דיר גאָטס גייסט פאַרטראָגן ערגעץ, וווּ קיין מענטש וויים ניט!

— איך שווער דיר באַ יהוהן — ענטפערט אליהו — היינט זע איך זיך מיט אחאבן.

דעמאָלט איז עובדיה אַוועק דערציילן אחאבן וועגן אליהון. אחאב גייט גלייך אליהון אַנטקעגן. ווען ער דערזעט דעם נביא, גיסט ער אוים זיין פאַרביטערט האַרץ, פון אים רעדט דער הונגער פון אַ לאַנד.

— דו ביסט דער, וואָס האָט פאַראומגליקלעכט ישראל!

— ניט איך, נאָר דו, דער קיסר פון לאַנד מיט דיין נאַנצער משפחה האָבן אומגליקלעך געמאַכט ישראלן, דאָס האָט איר פאַרלאָזן יהוהס געבאָטן און גייט נאָך די בעלים!

אַזוי רעדט אליהו מיטן אַלמעכטיקן, פאַרבימערטן קיסר.

און זאָלן מיר גלייך קלאָר מאַכן, ווער איז גאָט, יהוה אָדער מעלקארט?

זאָל זיך צוזאַמענקלייבן דאָס גאַנצע פאָלק אַפן כרמל און זען, ווער איז גערעכט!

און זאָלן זיך אופקלייבן אַלע 450 נביאים פון בעל, וואָס זיצן באַ איזבלס טיש און זאָלן זיי ווייזן, דערציילן פון זייער גאָט!

אין לאַנד געוועלטיקן דאָך בעל און עשתרות, זייערע נביאים זיינען דאָך די הערשער. ער, אליהו, וועט איינער אַליין זיך קעגנשטעלן די מחנה בעל־נביאים. זאָל נאָר דאָס פאָלק בייזיין, די אַלע, וואָס וואַקלען זיך, זאָלן זיי זיין עדות פון דעם קאַמף!

און דער קיסר פון ישראל, אחאב, פירט געהאָרכזאַם אוים אליהוס באַפעל, אַפן כרמל האָט ער אופגעקליבן די אַלע בעל־נביאים, אַ המון פאָלק שטייט פון דער זייט, איז געקומען נאָכזען דעם זעלטענעם קאַמף צווישן די נביאים.

און דער ברענענדיקער, שטורמדיקער אליהו ווענדעט זיך מיט דער זעלבער פראַגע צום גאַנצן פאָלק. עס דונערט, אָבער דערווייל איז דאָס נאָר אליהוס שטים.

— ביז ווי לאַנג וועט איר זיך וואַקלען, שפּרינגען אַף צוויי שוועלן. איז יהוה גאָט — קומט צו מיר! און גלויבט איר אין בעל, טאָ גייט צו אים!

שטום איז געבליבן דאָס נאַרישע, אומגליקלעכע פאָלק.

אליהו נעמט צוויי באַזונדערע קרבנות. איינעם פאַרן בעל און דעם אַנדערן פאַר יהוה, און זאָל קומען אַ פייער און פאַרברענען דעם קרבן.

בעלס נביאים סטאַרענען זיך, רופן צו אים, אָבער קיינער ענטפערט ניט, אין קול ואין עונה. אליהו דערנידעריקט נאָך בעלן מיט זיין שפּאָטן, מיט זיין סאַרקאַזם. ער זאָגט צו די בעל־נביאים: „שרייט העכער צו אייער גאָט, אפשר איז ער אין וועג, אפשר דרעמלט ער, זאָל ער זיך אויפכאַפּן", בלוט גיסט זיך פון די בעל־נביאים, זיי טאַטווירן. עס העלפט אָבער ניט, דאָס פאָלק קערט זיך אָפּ פון זיי.

און דעמאָלט ווענדעט זיך אליהו צו יהוהן מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה:

— גאָט פון אברהם, יצחק און ישראל! היינט זאָל ישראל וויסן, אַז דו ביסט גאָט, און איך בין דיין קנעכט, ענטפער מיר, ענטפער מיר! ענטפער יהוה!!!

און יהוה האָט געענטפערט. אַזאַ פייער פון נביאס האַרץ קאָן ניט בלייבן אָן אַן ענטפער, דער קרבן איז צוגענומען.

אליהוס ברען, זיין עקסטאַז האָט אָנגעשטעקט, דאָס פאָלק איז אינגאַנצן אַריבער אַף אליהוס זייט. געפאַלן צו דער ערד מיטן אויסגעשריי:

## יהוה איז גאָט! יהוה איז גאָט!!!

ווי אַ קאָם ערד האָט מען צוזאַמענגעכאַפּט בעלס נביאים אַראָפּגעשלעפּט צום טייך קישון און זיי דאָרטן אויסגעקוילעט.

אַ פרוכטבאַרער רעגן איז געווען יהוהס מתנה פאַר דער עפּענטלעכער אָנערקענונג.

## II. דער איבערבראך אין אליהו נאכן נצחון אפן כרמל.

דער מאָמענטאַלער זיג איבער די נביאים פון בעל אפן כרמל בארג האָט ניט געפירט מיט זיך קיין זיג פון יהוהן איבער מעל־קאַרטן אין לאנד.

דאָס פאָלק האָט גיך פארגעסן די עפעקטפולע סצענע און איזבל האָט גאָרניט געטראַכט אונטערגעבן זיך דעם ווילד־פייער־דיקן נביא. זי האָט געשיקט זאָגן, אז אין 24 שעה וועט זי מיט אים מאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן מיט די בעל־נביאים.

און אליהו איז אַוועק פון לאנד, אַוועק אין מדבר, צום בארג חורב, ווו יהוה האָט זיך דעם ערשטן מאָל אַנטפּלעקט. דאָרט, אויסגעהונגערט און דארשטיק, דער גאַנצער געבראָכן, וואַרט אליהו אף אַ נייע אַנטפלעקונג פון יהוהן.

ער האָט דאָך אַזוי גלענצנד אויסגעפירט יהוהס שליחות, אין שטורעם און פייער אַנטפלעקט אים פארן גאַנצן פאָלק, און דאָך הערשן אין ישראל די בעלים און ניט יהוה! הייסט עס, אַז אפן כרמל איז דער זיג ניט געווען קיין גאַנצער, קיין פול־שטענדיקער!

אויב אַזוי, צו וואָס איז זיין לעבן? זאָל בעסער גאָט צו־נעמען זיין נשמה! יהוהס זיג אף דער וועלט קען ער, אליהו, ניט ברענגען און ער פאַלט אונטערן יאָך פון אומקלאָרקייט, פון דארשט נאָך געטלעכקייט. דאָ, אין פולער איינזאַמקייט אפן בארג חורב, ווו קיינער, קיינער, אויסער יהוהן און אים, אליהו, איז ניטאָ, זאָל זיך יהוה אַנטפלעקן, זאָל ער אים ווייזן נייע וועגן!

דער נביא שטייט אַפן וויסטן באַרג און טיטאַמאָל בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט. דער ווינט שטאַרקט זיך אַלץ, ער רייסט בערג, ברעכט פעלזן, אָבער ניין, ניט אין דעם ווינט איז יהוה!

נאָכן ווינט הויבט זיך אוף אַ גוואַלדיקער שטורם, אַ רעש, אָבער אויך דאָ פילט ניט דער נביא יהוהן !!

נאָכן שטורם — אַ פייער, אָבער אויך אין פייער פעלט יהוה !!!

נאָכן פייער — אַ דינע רויקע שטילקייט, אָט אין דער שטילקייט און רויקייט האָט אליהו דערפילט גאָט.

איצטער ווייס שוין אליהו, וואָס ער האָט צו טאָן.

מיט שטורעם און פייער קען מען גאָט אַף דער וועלט ניט אַראָפּברענגען!

אליהוס פריערדיקע וועגן, זיין ברען, זיין פייער אַפן כּרמל־באַרג קען מער ניט ברענגען צו עפעקטן, קיין שטענדיקן גלויבן וועט דאָס ניט פלאַנצן, דערצו מוז מען האָבן אַנדערע מענטשן.

און אליהו גייט אַראָפּ פון באַרג חורב מיט נייע האָפע־נונגען, אַנדערע מענטשן וועל; ברייגנען יהוהס נצחון אַף דער. וועלט. אָן איבערקערעניש אין ארם וועט צעברעכן דעם אויסערן גלאַנץ פון אפרים. אחאבס גענעראַל, אָבער יהוהס געטרייער קנעכט יהוא וועט אויסראָטן אחאבס פאַמיליע צוזאַמען מיט די בעלים. און די נבואה מוז איבערגיין צום רויקן, גוטמוטיקן, שטילן אלישעו.

אליהוס ראָלע איז געענדיקט. פון צייט צו צייט וועט ער נאָך דורכגיין, ווי אַ שטורעמווינט איבערן לאַנד. אַלדאָס בייז, שלעכטס, געצנדינעריי וועט אַנטלויפן פון אים, זיך פאַרבאַהאַלטן. אויסראָטן אָבער וועלן דאָס אַנדערע. דער צוטריטלעכער פאָלקס־מענטש אלישע אין צוזאַמענבונד מיט יהואס קראַפט וועלן אויס־ראָטן די בעלים.

פון איצטער אָן טרעפן מיר נאָך אליהון דאָרט, ווו גאָט און די גערעכטיקייט זיינען באַזונדער געטראָפן, ער טראָגט זיך דורך ווי אַ שטורעם. אָבער דאָס זיינען איינצעלנע צופעליקע מאָמענטן, בליצן, וואָס שניידן דורך דעם חושך.

דער שיינער וויינגאָרטן אין יזרעאל, לעבן אחאבס פאַלאַץ, געהערט נבותן, וועלכער וויל אים אָבער פאַר קיין פאַל ניט פאַר־

קויפן, ווי אַ ירושה פון זײַנע עלטערן. מער ווי מיט זיפצן און אומעט קען ניט העלפן דער ווײכהערציקער און געלוסטיקער אחאב. אַנדערש אָבער איז איזבל. פאַר איר איז גיטאָ קיין צאַם. — אַזוי ווערסטו ניט הערשן איבער ישראל—וואַרפט זי פאָר אחאבן. זי וועט שוין געפינען אַ מיטל ווי צו באַזײַטיקן דעם אײַנגעשפאַרטן ביר־גער. פאַלשע עדות האָבן באַשטעטיקט אַ בילבול אויף נבותן, מען האָט אים פאַרשטיינט און זײַן שיינעם ווײַנגאָרטן קאָנפיסקירט פאַרן קיסרלעכן אײגנטום.

מיט אַ געלעכטער פון אַ זיגערין האָט איזבל געשיקט אחאבן ירשענען דעם ווײַנגאָרטן.

אין דעם מאָמענט, ווען אחאב גייט אַרײַן אין זײַן נײַער ירושה, איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אליהו און דונערט:

גזלענען און נאָך ירשענען ווערסטו?!

אַזוי זאָגט יהוה: — דאָרט ווו די הינט האָבן געלעקט נבותעס בלוט, וועלן זיי לעקן דײַן בלוט!

מיט אַזעלכע רייד האָט ער דורכגעשטאָכן אחאבן, ווי מיט אַ שפּיז, ער האָט דערפילט אין נביא אַ פײַנט, וואָס האָט אים באַזיגט. אחאב האָט צעריסן זײַנע קליידער, גענומען פאַסטן, פאַרלאָרן די פעסטקייט און מוטיקייט פון אַ קיסר.

אליהו איז ערגעץ ניט געוווינטשן, אומעטום וויל מען אים אויסמײַדן, מען האָט מורא פאַר זײַן שטרענגקייט, פאַר זײַן גאָט. אָבער ווען אים באַהערשט יהוהס שליחות, וואַרט ער ניט מען זאָל אים רופן, ווי אַ בלינדע קראַפט טראָגט אים יהוהס שליחות, ביז ער באַפרײַט זיך פון איר.

דער פאַל מיט נבותן איז ניט דער אײנציקער. שפּעטער ווען אויף אחאבס טראָן זיצט זײַן זון אַחזיה, ווערט טויט קראַנק און שיקט צו די געצן פרעגן וועגן זײַן גורל, וואַקסט ווידער מיטאַמאָל אויס אליהו און געפינט דאָ אַ פּאַסנדן מאָמענט צו דערמאָנען וועגן יהוהן: — האָט דען ניט דער קיסר פון ישראל אַן אײגענעם גאָט, אַז ער באַדאַרף שיקן צו די געטער פון עקרון?—זאָגט אים דעריבער, אַז די בעט אין

וועלכער ער האָט זיך געלייגט, וועט זיין זיין טויטן־בעט! — ווען די שלוחים האָבן זיך אומגעקערט און האָבן איבערגעגעבן, אַז אַ געטלעכער מענטש האָט זיי געטראָפן און זיי אומגעקערט מיט שלעכטע נביאות, האָט אחזיה פאַרשטאַנען, ווער דאָס איז.

אליהו איז דאָך אויך אויסערלעך אַ קענטיקער נביא. ער — אחזיה האָט נים איינמאָל געהערט וועגן אים און וועגן זיין אויס־זען, בײַ זיין טאַטן אין הויף. האָט אליהון ווער געזען, האָט זיך אַף אייביק איינגעשניטן אין זכרון זיין אויסזען: אַ האָריקער מיט אַ לעדערנעם גאַרטל אַף די לענדן. יע, אַזוי האָט אויסגעזען דער גייסטלעכער מענטש, וועלכער האָט אומגעקערט אחזיהס שלוחים. און אחזיה וויל שוין איצט באַקומען אליהון, אָבער ניין, איצט איז דאָס נים אַזוי לייכט. ער שיקט נאָך אים פופציק מענטשן מיט אַ באַפעל צו קומען צום קיסר, אָבער אליהו הנביא — יהוהס שליח, פאָלגט נים קיין קיסרלעכע באַפעלן. אַ פייער האָט פאַרברענט די שלוחים מיטן באַפעל צוזאַמען. דאָסזעלבע האָט געטראָפן מיט דער צווייטער פאַרטיע קיסרלעכע שלוחים. און נאָר ווען צום דריטן מאָל איז דעם קיסרס שליח געקומען מיט אַ געבראָכענעם געמיט, בעטנדיק זיך, האָט אים אליהו קורץ איבערגעגעבן וועגן אחזיהס נורל. וועלכער איז שוין באַשטימט פון יהוהן.

אליהוס שטאַרבן איז אויך אַזוי וווּנדערלעך און לעגענדאַריש, ווי זיין לעבן.

אליהו איז דער איינציקער נביא, וועלכער גיט אַליין איבער די נבואה אין אַנדערן פון האַנט צו האַנט, געוויס האָבן אַף אַלע שפּעטערדיקע נביאים געווירקט די פריערדיקע, אָבער אַזאַ דירעק־טע. לעבעדיקע איבערגעבונג, ווי בײַ אליהון, געפינען מיר אין ערגעץ נים.

די „יונגע נביאים" האָבן זיך צו דער צייט פון אליהוס שטאַרבן פאַרשפּרייט איבער ישראל. אין אַלע גרעסערע צענטרען, וואָס זיינען אַמאָל געווען הייליק אָדער באַוווּסט, אין גלגל אָדער אין בית אל, אין יריחו און אַרום ירדן האָבן זיך געפונען קאָלאָניעס פון די יונגע נביאים אלעמען איז ער זיי אַרומגעגאַנגען, אַלע האָבן

געוווסט אַז אין שטורם איז דורך אליהוס לעבן און אין שטורעם וועט ער פאַרלאָזן די וועלט. זיין נביאישן גייסט צוזאַמען מיטן נביאישן מאַנטל האָט ער איבערגעגעבן אלישען און אין שטורעם און פייער זיך אָפּגעטיילט פון די שטערבלעכע מענטשן.

* * *

קענען מיר נאָכדעם אַלעמען האָבן אַ באַגריף איבער אליהוס פאָרשטעלונג וועגן גאָט, וועגן יהוהן?

בײַ אליהון איז ער נאָך אַלץ אַ קאָנקרעטער באַגריף, אַ גאָט פון מדבר. ער זוכט אים אויף די בערג, אין שטורעם, אין פייער, דאָס איז נאָך ניט היילע גייסט, ווי בײַ די שפּעטערדיקע נביאים.

אליהו טרעט אַרויס אין קאַמף מיט די בעלים פון פעניקיע, אין דעם קאַמף איז ער אַ נאַציאָנאַלער העלד. קעגן די בעלים פון אַ פרעמדער לאַנד, קעגן דער פיניקישער השפעה אין אפרים, דווקא אין דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט יהוה העכער ווי אַ נאַציאָנאַלער גאָט, גאָט איז איינער:

אָדער יהוה אָדער בעל!

עס האַנדלט זיך שוין ניט וועגן אָפּגרענעצן די טעריטאָריעס פאַר די געטער אָדער פאַרגלייכן זיי אין גרויסקייט און שטאַרקייט, נאָר ווער איז אין אַלגעמיין אַ גאָט:

יהוה אָדער בעל!

850 יאָר פאַר קר. געב. ווען יעדער לאַנד, יעדער פאָלק האָט געהאַט זיין גאָט, עס איז נאָר געגאַנגען וועגן אַ מלחמה צווישן די געטער, איז אַזאַ באַגריף פולשטענדיק ניי, דאָס זיינען די ערשטע שפּראָצונגען פון מאָנאָטעיזם, פון דעם. אַז עס איז בכלל נאָר דאָ איין גאָט אויף דער וועלט, זאָל זיין פעניקיע אָדער אפרים.

ווי אַ פועל יוצא דערפון, וואָס יהוה איז גאָט און אויסער אים זיינען ניטאָ קיין געטער, שווימט אַרויס אַ באַזונדער באַציונג פון יהוהן צו ישראלן. יהוה אַליין שטראָפט זיין פאָלק, טוט אים שלעכטס, ווען דאָס פאָלק פאַרלאָזט אים און גייט נאָך פרעמדע אָפּגעטער. אחאב דער געצנדינער פאַרשטייט עס ניט און פרעגט אליהון:

— דו ביסט עס דער, וואָס פאַרדאַרבט ישראל!

און אליהו ענטפערט, אַז שולדיק אין דעם איז נאָר אחאב מיט זיין משפּחה, צוליב וועמעס זינד גאָט שטראָפט דאָס פאָלק.

נאָך פרעמדער און אומבאַגרייפלעכער פאַר יענער צייט איז אליהוס פאַרבינדונג מיט ארם. אַרם איז דעמאָלט געווען דער ערגסטער שונא פון ישראל און פאַרבינדן זיך מיט זיי איז געווען אַ פאַרראַט קעגן דער אייגענער לאַנד. דאָס האָט געטאָן אליהו כּדי אַראָפּצוּוואַרפן די געצנדינערישע דינאַסטיע.

— יהוה איז העכער פאַרן פאָלק און פאַרן קיסר!

גאָט פון אליהו הנביא האָט אין זיך עטישע מאָמענטן. ער נעמט זיך אָן פאַר דער קריוודע פון באַעוולטן, פאַרן פאַרברעכן מיט נבותן מוז אונטערגיין די גאַנצע פאַמיליע אחאבס און אויך דאָ טראָגט אַריין אליהו דעם ברען און אייפער פון זיין גאַנצן וועזן. אַזוי איז זיין כאַראַקטער, אַזאַ איז די טאַקטיק פון זיין קאַמף.

דער גאָט פון אליהו הנביא איז פילפאַרביקער און נעענטער צום גאָט פון די שפּעטערדיקע גרויסע נביאים.

# III. אלישע, דער באגייסטערער פון יהואם איבערקערעניש.

ווענן אלישען דערציילט מען מופתים און ניסים, מער ווי ווענן אלע אנדערע נביאים. איבער זיי אלעמען שוועבט אבער א באזונדערער גייסט, א באזונדערער אינערלעכער געראנק פאראייניקט זיי און שטעלט זיי העכער ווי געווײנלעכע ניסים און מופתים. א גוטער גייסט, א גייסט פון גערעכטיקייט, פון אנגעמען זיך פאר שוואכערע, שוועבט איבער די אלע מעשהלעך. מיר געפינען אין זיי די זעלבע מאטיוון, וואס מיר געפינען אין די רייד פון די שפעטערדיקע נביאים — נביאים־דיכטער. נאר דארט געפינט איר עס אין פאעטישע שטראף־רייד, דא האט איר עס אין דער לעגענדארער האנדלונג. די פארמע בא אלישען איז א בעלעטריסטישע. ער איז זייער פאפולער, אים קענען אלע— פון קיסר ביזן לעצטן יינגל. צו אלעמען איז ער צוטריטלעך און אלע האבן צו אים צוטרוי. אין דער זעלבער צייט איז ער אויך דער נביא פאליטיקער, וועלכער מישט זיך אין דער אינערלעכער און אויסערלעכער פאליטיק און האט אף זיי זיין השפעה. צו אים ווענדן זיך אפילו אויסלענדישע מלכים.

ער באציט זיך מיט אן אפענער שנאה צו אחאבס פאמיליע, וועלכע האט געווארפן יהוהן און געווארן געצנדינער. ווי זיין רבי אליהו איז ער דער ווירדיקער פארטרעטער פון יהוהן. און ווען די דריי מלכים פון ישראל, יהודה און אדום, גייענדיק אף א מלחמה מיט מואבן, זיינען אריינגעפאלן אין א שווערע לאגע און געווענדעט זיך צו אים נאך אן עצה, האט ער ביז געענטפערט אחאבן: — וואס האסטו מיט מיר צו טאן? גיי צו די נביאים פון דיינע עלטערן, פרעג בא זיי!—נאר צוליב יהושפטס כבוד, וועלכער איז געווען געטריי יהוהן, האט ער זיי געענטפערט.

ווען דער קיסר פון ארם האָט געשיקט צום ייִדישן קיסר זיין קרעציקן גענעראַל נעמן, מען זאָל אים אויסהיילן, און דער ייִדישער קיסר האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אַזאַ פעקל, האָט אלישע געשיקט זאָגן: זאָל ער קומען צו מיר און וויסן, אַז עס איז דאָ אַ נביא בײַ ייִדן! זיין מיטל איז געווען אַן איינפאַכער, — גיין און אויסבאָדן זיך אין ירדן — און דאָס האָט געדאָרפט העלפן.

ווי געזאָגט, האָבן זיך צו אלישען געווענדעט געוויינטלעכע מענטשן מיט זייערע טאָג־טעגלעכע נויטן און אָפט שווימט דאָ אַרויס נאָך קלערער דער כאַראַקטער פון נביא.

אויך אַזוי ווי אליהו, איז אלישע געווען נע ונד—היינט דאָ און מאָרגן דאָרטן. קיסרים און גענעראַלן דאַרפן אים שטענדיק זוכן און אָפט איז אים אוממעגלעך צו געפינען. ער איז אָבער צוטרעטלעך פאַרן פשוטן אָרעמען פאָלק און איז שטענדיק אַפן זייט פון די שוואַכערע. ווען עס האַלט בײַם צונעמען פון דער אָרעמער אלמנה אירע צוויי זין פאַר קנעכט, נעמט זיך בײַ איר מיטאַמאָל גיסן בוימל אָן אויפהער לויט אלישעס צויבער־שטע־קעלע, אַזוי אַז עס האָט שוין געקלעקט אי די זין אויסצוקויפן, אי פאַר איר צום לעבן.

אין דער שטאָט שונם האָט ער אַ באַקאַנט הויז, וווּ מען נעמט אים פריינטלעך אויף און וווּ עס איז פאַר אים שטענדיק גרייט אַ צימער מיט אַ בעט, אַ טיש, אַ שטול און אַ ליכט. דאָס איז אַלץ, וואָס אַ נביא דאַרף. אלישע פילט זיך דאַנקבאַר פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט און וויל מיט עפּעס אויסדריקן זיין דאַנק. אפשר דאַרף די פרוי אַ באַקאַנטשאַפט צום מלך, צום גענעראַל? ער, אלישע, וואָלט איר דאָס אַלץ איינגעאָרדנט.

ניין—!ענטפערט קאַלטבלוטיק די פרוי, —איך לעב צווישן אייגענע, בײַ זיך אין פאָלק.—זי האָט ניט קיין קינדער — האָט אונטער־געזאָגט אלישען זיין פיפיקער באַדינער גיחזי, און דער נביא בענטשט איר, זי זאָל האָבן אַ זון.

די נבואה איז מקוים געוואָרן, דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן קלאָגט ער זיך אַף קאָפּ־ווייטיק און שטאַרבט.

די מוטער שפּאַנט איר אייזל און איילט צום נביא. לכתחילה פאַרשטייט ער ניט די סיבה פון דעם ניט פלוצלונגדיקן וויזיט, אָבער באַלד דערפילט ער דעם אומגליק און די ביטער פון אירע רייד: איך האָב דאָך ניט געבעטן קיין זון באַם נביא, פאַרוואָס האָסטו מיר אַזוי אויסגעלאַכט? און אלישע פילט זיך שולדיק, ער פילט, אַז ער האָט געטאָן אַן עולה דער אומשולדיקער פרוי. ער פאַלט צו גאָט און בעט באַ אים, ער זאָל אומקערן דעם קינד דאָס לעבן. דאָס קינד איז געראַטעוועט.

די מעשהלע מיט דער שונמית איז העכסט קינסטלעריש געבויט. עס לעבט אויף פאַר די אויגן דער רויקער, שטילער און זאַטער לעבן פון ערד־אַרבעטער. באַ דער זיכערקייט פון פויער אַף דער אייגענער ערד טיילט זיך שאַרף אויס די אומרויקייט, איינזאַמקייט און איבערנאַטירלעכקייט פון „געטלעכן מענטשן".

אלישע נעמט ניט קיין געצאָלט פאַר זיינע נביאות, אים איז אינגאַנצן פרעמד די געלט־גייציקייט. ווען דער אויסגעהיילטער אַראַמישער גענעראַל נעמון באַט אים אָן רייכקייטן פאַר דער רפואה, זאָגט זיך אלישע קאַטעגאָריש אָפּ פון צו נעמען וואָס. זיין באַדינער גיחזי פאַרטראָגט עס ניט, און באַהאַלטענערהייט נעמט ער דאָך עפּעס פון גענעראַל און ווערט דערפאַר שטרענג באַשטראָפט פון אלישען.

אָבער דאָס לעבנס־ציל פון אלישען, וואָס אליהו האָט אים פאַרזאָגט איז נאָך געווען ניט דערפילט; דאָס איז אומברענגען אחאבס פאַמיליע און די בעלים. דאָס האָט אלישע גלענצנד אויסגעפירט אין 842־טן יאָר פאַר קר. ג. אין אַ פאַרשווערונג קעגן קיסרלעכן הויף צוזאַמען מיט יהואן.

יהוא איז געווען אַ גענעראַל אין אפרים באַ יורמען, אחאבס זון, און איז אַליין געשטאַנען נאָנט צו דער סעקטע—בני־רכב, געטרייע יהוהיסטן. אַף אים האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן, אַז ער וועט פון אחאבס פאַמיליע ניט לאָזן קיין שריד־ופליט. די פאַרשווערונג איז געווען צוגעגרייט שטרענג געהיים, געוווסט דערפון

האָבן נאָר די נאָענטע פון די נביאים און דער פירער פון דער יהוהיסטישער סעקטע רכבס זון יהונדב. מען האָט נאָר געדאַרפט אויסקלייבן א פּאַסיקן מאָמענט ווען אַרויסצוטרעטן.

דעם מאָמענט האָט אויסגעקליבן אלישע נאָך דעם, ווי ארם האָט צעקלאַפּט די אַרמיי פון אפרים. דער קיסר יהורם, אחאבס זון, איז געווען פאַרוווּנדעט און האָט זיך געהיילט אין יזרעאל. די אנטוישונג מיט דער קיסרלעכער פאַמיליע, מיט די בעלים, וואָס האָבן ניט געקענט פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, איז געווען גרויס. און ווען יהוא האָט אָנגעהויבן דעם בונט, איז צו אים גלייך צוגעשטאַנען די גאַנצע אַרמיי. יהוא האָט אויסגעהרגעט די גאַנצע קיסרלעכע פאַמיליע און איז אַליין אַרויף אָפן טראָן פון מלכות אפרים. דערנאָך האָט ער אויפגעקליבן אַלע בעל־נביאים פון שומרון אין גרויסן טעמפּל, וואָס איזבל האָט אויסגעבויט פאַר מעלקארטן און האָט זיי אויסגעהרגעט. צוזאַמען מיט זיי האָט ער פאַרברענט דער טעמפּל. אַזוי האָט ער זיך גרויזאַם אָפּגערעכנט מיט די פיינט פון יהוהן.

דער נביא איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער רעוואָלוציע, דער טאָנגעבער און וועגווייזער פון דער איבערקערעניש. אלישע האָט אויסגעפירט די אויפגאַבע פון אליהון.

*
* *

אונדז איז גראָד געבליבן דער בילד פון איינעם פון די בני־הנביאים פון יענער צייט, איינער פון די נביאים פון צווייטן ראַנג, וועלכער האָט אָבער אין זיין האַנדלונג אַרויסגעוויזן די הויפּט־שטריכן פון נביאס כאַראַקטער.

אין דער מלחמה מיט ארם האָט אויך אָנטייל גענומען דער קיסר פון יהודה יהושפט. אין אחאבס צייטן האָבן מלכות אפרים און יהודה גוט געלעבט צווישן זיך און די קיסרים זיינען געווען באַפריינדעט. פאַר דער מלחמה שטייט די גאַנצע קאַסטע הויף־נביאים און גיבן צו מוט די קיסרים, זאָגן פאַר א נצחון. נאָר דעם קיסר פון יהודה — יהושפט, וועלכער איז געווען א יהוהיסט, האָט עפּעס נישט געשמעקט די נביאות, און

ער פרעגט צי איז דאָ ניטאָ ערגעץ נאָך יהוהס אַ נביא. אחאב דערציילט אים וועגן מיכיהון, אָבער זאָגט אָפן, אַז ער האָט אים פיינט, ווייל קיין גוטס זאָגט ער ניט אָף אים.

— זאָל דער מלך אַזוי ניט ריידן — זאָגט יהושפט און ער שיקט נאָך מיכיהון. דער קיסרס שליח האָט געפּרוּווט אָפּן וועג מיכיהון באַארבעטן: אָט אַלע נביאים זאָגן גוטעס פאַר די קיסרים, צו וואָס דאַרף ער זיך קריגן? אָבער מיכיהו ענטפערט ווי אַ נביא:

— וואָס יהוה וועט מיר הייסן, וועל איך זאָגן! —

ער קומט פאַר די קיסרים און הערט ווי די פאַלשע נביאים זינגען אַ גליקלעכע לידעלע, און מיכיהו, אַזוי ווי ער וואָלט ניט וועלן צעשטערן דעם אַלגעמיינעם פרידן זינגט נאָך אין זעלבן טאָן:

— גיי מיט הצלחה! —

און נאָר אָף דער קאַטעגאָרישער פאָדערונג צו זאָגן דעם אמת, ענטפערט ער אין אַ פּאָעטישן סטיל:

„כ'האָב געזען ווי ישראל איז צעשפּרייט איבער די בערג ווי שעפסן, וואָס האָבן קיין פּאַסטעך ניט, און יהוה האָט געזאָגט — זיי האָבן ניט קיין הארן, זאָלן זיי זיך פאַנאַנדערגיין אַהיים": דערביי איז פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישע סצענע פון קאַמף מיט די פאַלשע נביאים, וואָס האָבן אויך גערעדט אין יהוהס נאָמען. זיי האָבן נאָר גוטעס פאָרויסגעזאָגט און איינער פון זיי, צדקיהו, האָט געפּאַטשט מיכיהון.

ווען איז דאָס יהוהס גייסט אַריבער צו דיר פון מיר?

מיר זעען דאָ אין מיכיהון דעמזעלבן גייסט, דעם מוט צו זאָגן דעם קעניג אין די אויגן דעם ביטערן אמת, און ניט דעם אָנגענומענעם זיסן ליגן. און דער גורל פון דעמדאָזיקן נביא איז אויך פון אַ מאַרטירער. אחאב האָט געהייסן אַריינוואַרפן מכיהון אין תפיסה, אים האַלטן אָף ברויט מיט וואַסער.

# די נביאים שריפטשטעלער.

# די אנטוויקלונג און כאראקטער פון נבואה.

די העכער פינף הונדערט יאָר, אין וועלכע ס'האָבן גע־לעבט די ייִדישע נביאים, קען מען טיילן אויף צוויי אומגעפער גלייכע פעריאָדן: די ערשטע נביאים, וואָס געהערן צו דער צייט פון 10־טן ביז 8־טן יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע, פון שמואלן ביז עמוסן, און דער צווייטער פעריאָד ביזן 5־טן י. ה., פון עמוסן ביז ישעיהו דעם צווייטן, זכריה, מלאכי.

דער אונטערשייד אין צייט האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אויך אַ חלוק אין תּוך. דער כאַראַקטער פון די שפּעטערדיקע נביאים, זייער אינהאַלט האָט זיך געביטן, זייער שוווּנג האָט זיך פאַר־גרעסערט און די אויסטערלישע דערשיינונג, וואָס מען רופט: „ייִדישע נביאים" באַציט זיך מער צו דעם צווייטן פעריאָד.

די ערשטע האָבן אָנגעהויבן פון האַלב וואַנדערנדע שבטים. די נביאים זיינען פול מיט קראַפט און מוט זיי צו פאַרייניקן. די דאָזיקע נביאים זיינען ביי געווען און מיטגעהאָלפן דער אויסביל־דונג פון דער מלוכה, איר צעטיילונג אויף אפרים און יהודה, אָנ־טייל גענומען אין די קאַמפן מיט די אַרומיקע פעלקער, לענדער און געטער.

די נביאים פון צווייטן פעריאָד האָבן געלעבט אין די האַרב־סטיקע טעג פון די ייִדישע מלוכות, ביי געווען בײַ די מלחמות מיט אשור און בבל, ווו די אידן זיינען געוואָרן באַזיגט, איבערגעלעבט דעם אונטערגאַנג פון מלכות ישראל און יהודה און טיילווייז דערפון דערקלערט זיך דער כאַראַקטער פון זייערע נביאות.

פון די ערשטע נביאים זיינען אונדז געבליבן נאָר איינציקע שפּרוכן, געדאַנקען, דערציילונגען וועגן זייער לעבן און האַנדלונג. צוויי ביכער טראָגן אפילו דעם נאָמען: „שמואל", פאַרשריבן איז עס אָבער פיל שפּעטער, און שוין אין ערשטן בוך

שטאַרבט שמואל און די עצם דערציילונגען געהערן צו אַ שפּע־טערדיקן פּעריאָד. אָנהויבנדיק אָבער פון עמוס, האָט יעדער נביא זיין בוך, זיין לעבנס־בוך, אַ זאַמלונג פון זיינע נביאות, היסטאָריש־ביאָגראַפישע שטריכן, טיילווייז פון נביא אַליין געשריבן.

דער עצם כאַראַקטער פון נביא האָט זיך אויך געביטן פאַר דער צייט. די ערשטע זיינען מער אָראַקולן, בעלי מופתים, טרע־פער, מען רופט זיי „פאָרויסזעער״, העלזעער. וואָס ווייטער פאַר־שווינדט אַלץ מער דער עלעמענט פון נסים, מופתים און בײַ עמוסן אויך בײַ די אַנדערע שפּעטערדיקע נביאים פעלט אינגאַנצן די אי־בערנאַטירלעכע האַנדלונג. די פאָרויסזעערײַ איז אַ פּראָפעסיע, וואָס האָט אין זיך אויסערלעכע סימנים פון נביאות. דעם „פאָ־רויסזעער״ פעלט אָבער דער אינערלעכער זעלבסטגעפיל פון נביא. דער נביא איז שטענדיק אַ טראַגישע אומרויקע פּערזאָן. דער פאָרויסזעער קען זיך רויק אָפּלעבן זיין וועלט.

לויטן גייסט איז אליהו הנביא איינער פון די ערשטע, וואָס איז אינגאַנצן נביא. אַ געוואַלדיקע ווילדע רעליגיעזע ענערגיע, אינערלעכער און אויסערלעכער קאַמף. דער ברוינזנדער, פאַנאַטי־שער טעמפּעראַמענט שטופּט אים אַרויס מיט דורות פאָרויס און דער נאָמען נביא, איז צו אים ווי צוגעקלעפּט. אַף אייביק איז ער געבליבן: „אליהו הנביא״.

אין די ערשטע צייטן זיינען די נביאים אַ מאַסן־באַוועגונג. גרופּעסווייז גייען אַרום די „בני הנביאים״, מיט זייער באַגייסטע־רונג, מיט מוזיק און געזאַנג פאַרכאַפּן זיי אַפילו צופעליקע מענטשן. די באַציונג צו זיי פון אַרום איז אַ איראָנישע, מען האַלט זיי פאַר האַלבע משוגעים (מלכים ב׳ ט׳ 11) און דאָך קען זיך קיי־נער נים אָפּוועהרן פון זייער צוציונגס־קראַפט. ווען מען שיקט צו זיי מענטשן מיטן ציל צו צושטערן די נביאימס אַן אויפגאַבע, פאַר־געסן די שלוחים אָן זייער ציל, ווערן אָנגעשטעקט פון אַרומיקן עקסטאַז און פאַרייניקן זיך מיט די נביאים. דאָס האָט אַפילו גע־טראָפן מיט שאולן אַליין, ווען ער איז געגאַנגען זוכן זיין ערגסטן פיינט דודן (שמואל א׳ יט׳ 20 ביז 24).

די יונגע נביאים האָבן אַ לערער· אַ פירער, אַן אָנערקענטן

נביא, וועמען זיי געהאָרכן און פֿון וועמען זיי וואַרטן אויף געטלעכע אַנטפּלעקונג. אַזאַ איז געווען שמואל, אַזאַ איז געווען אליהו. אין אחאבס צייטן אין 9-טן י. ה. האָט אַזאַ גרופּע נביאים פֿון עטלעכע הונדערט מענטשן געלעבט אין קייזערלעכן הויף, געווען אָפֿיציעל אָנערקענט און באַצאָלט. קיין מלחמה אָדער אַנדערע וויכטיקע געשעעניש זיינען ניט פֿאָרגעקומען אָן זייער עצה.

אויך אין די פּראָווינציעלע שטעט, באַזונדערש אין בית אל, גלגל, יריחו זיינען געווען שטענדיקע אָדער פֿליענדע גרופּעס נביאים.

אַנדערש אָבער איז דער נביא אין צווייטן פּעריאָד. דאָ שפּילט די הויפּט-ראָלע דער אינערלעכער באַרוף. דער נביא טיילט זיך אויס מיט זיין פּערזענלעכקייט. אָפֿט אָן איינזאַמער מענטש, וועלכער פֿילט אין זיך גאָטס גייסט. ניט אין דער מאַסע, נאָר אין דער אינדיווידועלער פּאַרטיפֿונגג געפֿינט איצט דער נביא זיין באַגייסטערונג. יעדער נביא לעבט איינגאַרטיק איבער די נבואה.

שווער איז אַריינצודרינגען אין די אינערלעכע איבערלעבונגען פֿון נביא פֿאַר דער צייט, וואָס די נבואה פֿאָרמירט זיך, פֿאַרדעם איידער די נבואה קומט אַרויס אויף דער ווייסער וועלט. דאָס איז פֿאַרבונדן מיט די טיפֿסטע פּסיכאָלאָגישע סודות פֿון מענטשלעכן גייסט. דער נביא אַליין פּרוּווט אָפֿט זיך קלאָר מאַכן זיין צושטאַנד, אָבער דאָס גיט זיך אים זעלטן איין. קענטיק, דער נביא אַליין שטייט פֿאַר אַ פּראָבלעם, אויף וועלכע ער קען קיין תשובה ניט געפֿינען.

ירמיהו פֿילט אין זיך אַן אינערלעכן ברען, אַ קראַמפּט, וואָס לאָזט אים ניט צורו פֿון קינדווייז אָן, ישעיהו פֿילט ווי זיינע חושים זיינען פֿאַרשאַרפֿט, ער זעט און הערט ווייטער, טיפֿער ווי געוויינלעכע מענטשן, אָפֿט פֿאַרכאַפּט אים אַ געפֿיל פֿון אומענדלעכקייט, נאָך שטאַרקער שווימט פֿאַר אים אַרויס דער קאָנטראַסט מיט די אַרומיקע „ביי וועמען די האַרץ איז פֿעט, די אויערן שווער און טעמפּ, די אויגן אָפּגעקערט אָן אַ זייט, אַזוי אַז זיי פֿילן ניט, זעען ניט און הערן ניט אַפֿילו, ווען דער נביא ווייזט זיי אָן”.

די פאַרשאַרפטע געפילן האָבן אַוועקגערוקט פאַם נביא די רויקייט, דעם גלייכגעוויכט, וואָס איז נויטיק צום לעבן. אָפט איז דער נביא פאַרכאַפט פון אַ מינדערוואַרטיקייט-געפיל. ער איז ניט ווערט זיין באַרוף. ישעיהו קלאָגט זיך, אַז זיינע ליפּן זיינען אומריין, ניט ווערט אַרויסצוברענגען גאָטס נאָמען. ירמיהו פילט זיך צו יונג, ער האָט ניט קיין ווערטער פאַר זיין איי-נערלעכן מהות, די נבואה צוברעכט אים און דער נביא בעט זיך מען זאָל אים באַפרייען פון דעם יאָך. נאָך עפּעס איז דער נביא פאַרקערט באַהערשט פון זיין באַרוף, ער לעבט איבער דערהויבענע מאָמענטן, ער איז גרויס און שטאַרק. פעלקער וועט ער צוברעכן, לענדער וועט ער אומברענגען, ער שאַפט נייע וועלטן, נייע באַציונגען, די צוקונפט איז פאַר אים קלאָר.

אַן אַלגעמיינער שטריך פון נביאס כאַראַקטער איז דער אינערלעכער „מוז“. דער נביא קען ניט זיין ניט קיין נביא. אַ קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פאַר אים, טרייבט אים קעגן זיין איינענעם ווילן, קעגן זיינע אינטערעסן! דער נביא איז ווי גע-פאַנגען פון דער מאַכט און ער גייט, רעדט, שטראָפט קיסרים און לענדער, רייסט זיך מיט דער גאַנצער וועלט.

זיין גאַנצער מהות, זיין גאַנצער לעבן איז דורכגעדרונגען מיט דער קראַפט. ער וואַרפט אַוועק די עלטערן (אלישע), ער צעקריגט זיך מיט זיינע קרובים (ירמיהו), זיין פאַמיליע-לעבן איז צעבראָכן (הושע, ירמיהו).

זיינע נערוון זיינען שטענדיק אָנגעשטרענגט ביזן העכסטן גראַד. זיין ווילן איז קאָנצענטרירט און אויסערגעוויינטלעך שטאַרק.

מיר וואָלטן געזאָגט, אַז אין נביא לעבט דער ושעני פון פאָלק, פון דורות. פאַרן אַמאָליקן מענטשן פון אָריענט, ווער האָט דאָס געקענט זיין, אויב ניט גאָט, יהוה?!

עס טרעפט, אַז דער נביא פילט זיך איבערלאָזט פון דעם שווערן יאָך. די נבואה קומט אין אַ סתירה מיט זיינע גע-וויינלעכע מענשלעכע געפילן. זיין נבואה האָט ניט קיין דער-פאָלג. דער נביא איז איינזאַם, אָפּגעלאַכט, פאַרהאַסט און פאַר-

פאָלגט פון די אַרומיקע און עס גנבעט זיך אין אים אַריין אַ ספק, אַ יאוש-געפיל.

וועגן דעם צושטאַנד רעדט ירמיהו, וועלכער האָט בכלל ליב צו ריידן וועגן זיינע נביאישע איבערלעבונגען, אָבער מיר טרעפן עס אויך בײַ אַזאַ גאַנצן מענטשן, בײַ אַזאַ אויסערגעוויינלעך שטאַרקן כאַראַקטער, ווי אליהו.

אַליין אין מדבר, אַ פאַרפאָלגטער, בעט זיך אליהו בײַ גאָט צונעמען זיין נשמה, וואָרום „איך בין ניט בעסער פון מיינע עלטערן" (מלכים א' יט' 4).

אַנדערע געלערנטע מיינען, אַז נבואה איז ניט קיין אָרי-גינעל ייִדישע דערשיינונג. די וואָרצלען פון נביאות ציען זיך פון אדום, ווי למשל בלעם, פון די אַלט-אַראַבישע שבטים, ווי דער שפּעטערדיקער מאַכמעד. בײַ זיי איז דער פאָרבאַדינג צו נבואה געווען די האַלוצינאַציע, די אילוזיע, דער חלום. אויך בײַ די ייִדישע נביאים שפּילט דער חלום אַ גרויסע ראָלע. די תורה דערמאָנט עטלעכע מאָל דעם נביא אין צוזאַמענהאַנג מיט א חלום (במדבר יב' 6, דברים יג' 2 א. א. וו.). אויך צו שמואלן איז געקומען די אַנטפּלעקונג בײַנאַכט, אין אַ האַלב שלעפעריקן צושטאַנד און אפילו ירמיהו, וואָס רעדט וועגן אַ חלום, ווי וועגן אַ סימן פון געטלעכער אַנטפּלעקונג בײַ די פאַלשע נביאים, דערציילט אויך וועגן זיינע חלומות.

די ראָלע פון חלומות און נבואה פּאַסט זיך גוט מיט דער פּסיכאָאַנאַליטישער טעאָריע, וואָס לערנט, אַז אין חלום געפינען אַן אויסדרוק די פאַרבאָרגנסטע און טיפסטע מענטשלעכע פאַרלאַנגען. און דער נביא איז דאָך קודם-כל דער מענטש פון טיפע איבערלעבונגען, פון באַהאַלטענע ווונטשן.

דער אינערלעכער פאַרבאַהאַלטענער סעקסועלער באַטריב שפּילט בײַ די נביאים אַ גרויסע ראָלע. אין אַלטן אָריענט האָבן די פאָרמען פון דער געצנדינערײַ געפונען פאַר די סעקסועלע געפילן פון מענטשן אַן אויסדרוק און אַ באַפרידיקונג. די געטין אישטאַר איז געווען פאַרהייליקט מיט איר עפנטלעכער הורערײַ, דער קולט פון אישטאַר (אשרה) איז געווען באַליבט און פאַרשפּרייט

באַם גאַנצן פֿאָלק, ביז יאשיהון, ד. ה. ביזן 7-טן יאָרהונדערט פֿאַר קר. געב. האָט די פֿאַרהײליקטע זנות געהאַט אירע באַזונדערע צימערן אין בית המקדש. די אַלטע װעלט און אויך די ייִדן פֿון יענער צײַט האָבן אין דעם ניט געפֿילט קיין אומרײַנקײַט, קיין פֿאַרברעכן.

די נביאים האָבן די טרשטע דערפֿילט קעגן דעם אַן עקל, אײַנגעזען אַ פֿאַרברעכן, אַן אומרײַנקײַט און מיט אַ גוואַלדיקער קראַפֿט געשטורעמט דעם פּראָסטיטוציע-קולט. אָבער אָפּטמאָל דוכט זיך, אַז זײ אַלײן זײַנען פֿאַרכאַפּט פֿון אַ סעקסועלער קראַפֿט, און זײערע רײד הערן מיר אָפֿט סעקסועלע מאָמענטן.

די באַציִונגען פֿון פֿאָלק ישראל צו גאָט זײַנען פֿאַרגליכן צו אַ פֿרוי, אַ פֿאַררעטערין, צו אַן אויסגעלאַסענער זונה, װעלכע בײַט שטענדיק אירע מענער. דאָס איז דער באַליבסטער בײַשפּיל בײַ די נביאים. מיט אַ באַזונדער פֿאַרגניגן רעכנט אויס ישעיהו אַלץ, װאָס פֿרויען באַנוצן פֿאַר זײער שײנקײַט, און רײַסט עס אַרונטער.

פֿאַרן נביא הושע דינען זײַנע באַציִונגען מיט דער פֿרוי פֿאַרן אויסגאַנג פֿון זײַנע נביאות.

אויך די אויסגעאײדלטע, ראַפֿינירטע ליבע-מאָטיװן פֿעלן ניט באַם נביא.

מיט גלויבן און טרײַהײַט צו יהוהן האָבן ייִדן אַרומגעװאַנדערט אין דעם מדבר און ירמיהו פֿאַרגלײַכט עס מיט דער באַזונדערער טרײַהײַט פֿון דער יוגנטלעכער ליבע, מיט דער איבערגעבנקײַט און שײנקײַט פֿון דער ערשטער ליבע.

דער נביא איז גאָטס שליח, ער פֿירט אויס יהוהס באַפֿעל. יהוה — דאָס איז דער היסטאָרישער גאָט פֿון די עברים, װאָס האָבן געװאַנדערט אין מדבר און דערנאָך געקומען אין כנען, געפֿירט מלחמות מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. אַזױ האָט אויך יהוה, דער גאָט פֿון מדבר, געפֿירט מלחמות מיט די בעלים, די געטער פֿון די ערדבאַזיצער און װײַנגערטנירער.

נאָך לאַנגע יאָרן פֿון מלחמות האָבן זיך די עברים אײַנגעזעצט און אײַנגעלעבט אין כנען, אַריבער צו ערדאַרבעט, אויסגעמישט זיך מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. און אויך די קולטן

פון יהוה און בעל האָבן זיך צעמישט. ס'האָבן זיך פאַרלאָרן די שטרענגע גרעניצן פון מדבר־גאָט און פון די געטער פון כנען. די נאָמאדן האָבן זיך אַסימילירט מיט די ערדאַרבעטער.

דער נביא איז קעגן אַזאַ אַסימילאַציע, קעגן פאַרטווישן די גרעניצן פון די קולטן. יהוה האָט מאָראַלישע געבאָטן, וועלכע דער נביא פאָדערט שטרענג אָפּהיטן. די שטרענגסטע שטראָף וועט קומען אױף יענע קסם, וואָס וועלן ברעכן יהוהס באַפעלן.

דער גאָט פון מדבר האָט פיינט מתּנות, קרבנות. בײַ די בעלים איז דער קרבן דער הויפּט־קולט.

דער נביא גיסט אויס זײַן גאַל און שפּאָט אױף די קרבנות, אַפילו, ווען מען ברענגט זיי פאַר יהוהן.

אין מדבר זײַנען נישט געווען קיין היזער. מענטשן האָבן געלעבט אין בײַדלעך, געצעלטן, און אויך יהוה באַנוגנט זיך מיט אַ געצעלט. דער נביא נתן האָט אָפּגעלייגט דאָס אויסבויען דעם בית המקדש, און דערנאָך האָבן די נביאים די גאַנצע צײַט אַ קאַלטע באַציונג צום בית המקדש. יהוה אַליין וועט זײַן דער, וואָס וועט דעם בית המקדש צעשטערן. ירמיהו שטעלט זיך אַוועק אין די טויערן פון בית המקדש, פאַרן גאַנצן פאָלק, וואָס קומט אין הײליקן הויז זיך בוקן צו יהוהן, און אין גאָטס נאָמען זאָגט ער, אַז די הויז וועט צעשטערט און פאַרברענט ווערן, ווײַל די ייִדן היטן נישט דעם געזעץ, באַרויבן דעם שוואַכן, דעם יתום, די אלמנה, פאַרגיסן אומזיסט בלוט.

דער סאָציאַלער מאָמענט, די עוולות, וואָס זײַנען אויפגע־קומען מיטן פאַרטיילן די ערד, מיט דער נײַער מלוכה־אָרדענונג, די הערשאַפט פון רײַכן איבערן אָרעמאַן, פון שטאַרקן איבערן שוואַכן און שוצלאָזן, פון אײַנגעזעסענעם בירגער איבערן פרעמדן אין לאַנד רופן אַרויס בײַם נביא דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט. דער מאָטיוו פאַרנעמט בײַ אַלע נביאים אַ וויכטיקן אָרט. דאָס איז דער פּאַ־טאָס פון דער נבואה.

די סעקטע נזירים, וואָס האָט געלעבט אָפּגעזונדערט, אויך די בני רכב, האָבן זיך פעסט געהאַלטן אָן די אַלטע נאָמאַדישע געוווינהייטן, נישט געבויט קיין היזער, נישט געטרונקען קיין ווײַן. די

נזירים האָבן אַפֿילו די האָר זיך ניט געשאָרן, פֿון די געטרײַע און באַגײַסטערטע צווישן זײ האָבן זיך װערבֿירט די יונגע נביאים „בּני הנביאים“.

און די קלײדונג פֿון די נביאים איז געװען די האַרטע קלײדונג פֿון די נאָמאַדן און ניט די װײכע קלײדער פֿון די דאָרף= און שטאָט=מענטשן. דעם נביאס בּגד איז דער האַרטער האָריקער מאַנטל און זײַן לעדערגאַרטל. פֿאַר אַזױנעם האָט אים דאָס פֿאָלק שטענדיק געזען און געקענט.

בּעת אַ מלחמה פֿאָדערט יהוה און זײַן נביא אױסראָטן דעם שונא, אומבּרענגען ניט נאָר די לעבֿעדיקע מענטשן און פֿי, נאָר אױך די ניט בּאַלעבֿטע זאַכן. קײן זכר פֿון דער פֿרעמדער קולטור זאָל ניט בּלײַבֿן, כּדי די אַסימילאַציע פֿון די קולטן זאָל ניט קענען פֿאָרקומען.

אין דעם איז בּאַשטאַנען שמואלס בּאַפֿעל צו שאולן, עס זאָל קײן זכר ניט בּלײַבֿן פֿון עמלק, װאָס האָט נאָך אין מדבּר געפֿירט מלחמות מיט די עבֿרים און װען שאול, דער געװעזענער ערד=אַרבּעטער, דורכגעדרונגען מיט רחמנות=געפֿילן, מיטן קולטורעלן פֿאַרלאַנג אײַנהיטן האָב און גוטס, האָט ניט אַזױ שטרענג אױסגעפֿירט שמואלס בּאַפֿעל, האָט דער נבֿיא אים אָפּגעזאָגט פֿון טראָן.

אין דעם איז בּאַשטאַנען דער אַלטער „חרם“. קײן בּאַרי= רונג ניט מיט דאָס פֿרעמדע, מיטן פֿרעמדן אָרט לעבֿן, מיט די פֿרעמדע קולטן. אַזאַ בּאַפֿעל האָט זיך געצױגן נאָך פֿון די צײַטן, װען די עבֿרישע נאָמאַדן האָבן געפֿירט מלחמות מיט די כּנענים פֿאַר דער ערד, דאָס איז געװען דער אײנציקער מיטל קעגן אַסימילאַציע, די נביאים, דערהױפּט די ערשטע, האָבן געפֿירט די זעלבֿע ליניע אױך װײַטער. אין דעם זײנען זײַנען די נביאים— פֿאָרשטײער פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער רעאַקציע קעגן דער נײַער קולטור, קעגן נײַע געװױנהײטן און אָרט לעבֿן.

אָבֿער די נביאימס טיפֿער ערנסט, זײער שטאַרקער און װײטזיכטיקער אַרײַנדרינגען אין דער געשיכטלעכער צוקונפֿט האָט אָפּט געעפֿנט בּאַ זײ די אױגן אױך אַף דער אַרומיקער

וועלט, און די נביאים זײַנען געווען די ערשטע פירער און דעה זאָגער אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק, די וואָס האָבן געשאַפן פאַרבינדונגען און שטענדיק זיך אינטערעסירט מיט די אויסלענדישע מלוכות.

פון 8־טן ביזן 6־טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס געבורט זײַנען די ייִדישע מלוכות אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די שטאַרקע לענדער אַרם, אשור און דערנאָך בבל. דאָ איז געווען אַ ברייט פעלד פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער טעטיקייט פון די נביאים. און ווען יהודה האָט זיך געמאַטערט מיטן טויט צווישן בבל און מצרים, האָט ירמיהו הויך און אָפן געפאָדערט מען זאָל זיך אונטערוואַרפן בבל, אַזוי, אַז מען האָט געקענט ירמיהו באַשולדיקן, אַז ער איז אַן אַגענט פון בבל.

דער גרעסטער נביא יהוהס און אַן אַגענט פון אַ פרעמדן קולט!

און דאָך האָט דאָס פאָלק געגלויבט אין אַזאַ אַבסורד, צוליב דער אײַגנאַרטיקער שטעלונג, וואָס דער נביא האָט אָנגענומען.

אין אַ געוויסן זינען זײַנען די נביאים געווען די ערשטע פאַציפיסטן בײַ ייִדן, גערופן צו שלום.

* * *

זײַנען די נביאים געווען דיכטער, רעדנער, שריפטשטעלער אָדער אַלץ צוזאַמען?

דער אינהאַלט פון נביאס גײַסט איז דיכטונג, זײַן רעדנקען איז בילדעריש, זײַן האַנדלונג סימבאָליש, דער כאַראַקטער פון זײַן טעטיקייט האָט אים געשטופט אויף עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פאַרן פאָלק, פאַר דער מאַכט, פאַר דער וועלט.

פאַר די סאָציאַל־שוואַכע האָט זיך דער נביא אָנגענומען מיטן כח פון וואָרט, דאָס איז דער ייִדישער טריבון אין בעסטן זינען.

מיטן סימבאָל האָבן זיך די נביאים באַנוצט זייער אָפט, דאָס איז דער משל ניט נאָר אין רייד, נאָר אין האַנדלונג,

קלערער און פאַרשטענדלעכער צו מאַכן דאָס אומפאַרשטענדלעכע, דערנעענטערן דאָס ווייטערע און שפּעטערדיקע. אין אחאבס צייטן האָט דער נביא צדקיהו פאַרן קריג מיט אַרם גענומען צוויי הערנער און באַוויזן ווי אַרם וועט צעשטאָכן ווערן. ירמיהו גייט אַרום מיט אַ יאָך אויפן האַלדז צו ווייזן אויפן יאָך, וואָס שטייט פאַר דער גאַנצער לאַנד.

אין די נביאישע רייד פילט זיך אַ געוואַלדיקע קראַפט. קיינער ביז די נביאים און קיינער נאָך זיי האָט ניט אַריינגעטאָן אין מענטשלעכן וואָרט אַזאַ קראַפט, ווי די נביאים. אין דעם זינען זיינען זיי די איינציקע אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

האָבן די נביאים אַליין פאַרשריבן זייערע רייד, אָדער אַנדערע האָבן דאָס פאַר זיי געטאָן?

די ערשטע נביאים האָבן אַליין גאָרנישט געזוכן פאַרשריבן פון זיך. זייער קראַפט איז אין וואָרט און ניט אין פען. זיי ווירקן מיטן אַרויסגעזאָגטן אורטייל.

אליהו האָט זיינע נביאות ניט געראַפט און ניט געקענט פאַרשרייבן. זייער באַטייט איז אין קראַפט פון אַרויסזאָגן. אַ באַזונדער צופאַל — נבותעס מאָרד, למשל — האָט אַרויסגערופן אליהוס קורצן, אָבער אייביקן אורטייל: „גולענען און נאָך ירשענען תעסטו?"

אַנדערש אָבער איז די נבואה, אָנהויבנדיק פון עמוסן. דאָ קומט די נבואה ניט צוליב אַ צופאַל, נאָר שטענדיק אָנצווייזן און צו ווירקן אויף די טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען. דאָ איז שוין אַ קייט פון געשעענישן און געדאַנקען און דאָס מוז פאַרשריבן ווערן.

ירמיהוס נבואה איז נאָך צוואַנציק יאָר נביאות זאָגן פאַרשריבן געוואָרן פון זיין פריינט און אָנהענגער ברוך דער זון פון נריה. די פאַרשריבענע מגילות האָבן געטיילט דעם נביאס גורל. דער קיסר יהויקים האָט זיי געברענט מיט די אייגענע הענט. דאָך האָט די פאַרשריבענע נבואה זיך דורכגעשלאָגן אַ זיכערן וועג אין דער אייביקייט.

מיטן פאַרשפּרייטן די קונסט פון שרייבן, האָט מען די

נבואה אַלץ מער געשריבּן. יחזקאל איז שוין געזען מער שריפט־שטעלער ווי רעדנער, און ריכטיק ווייזט אָן דער היסטאָריקער קיטעל, אַז דערמיט האָט די נבואה פאַרלאָרן איר פּאטאס, זיך פאַרוואַנדלט אין ליטעראַטור, אַריבּער אין אַן אַנדער עפּאָכע, װאָס האָט נעטראָגן דעם נאָמען סופר׳ב — שרײַבּער.

# אמתע און פֿאַלשע נביאים.

אונטער די „פֿאַלשע" נביאים דאַרף מען נים פֿאַרשטיין בוכשטעבלעך פֿאַלשע מענטשן, אָפּנאַרער. דאָס זיינען געווען נביאים, מים וועלכע די, וואָס מען רופֿט „אמתע" נביאים זיינען געשטאַנען אין אַ שטענדיקן פֿאַרביטערטן קאַמף. די אַנטוויקלונג פֿון די פֿאַלשע נביאים איז שווער נאָכצופֿאָלגן, ווייל מיר האָבן חעגן זיי נאָר דעם אפרוף פֿון זייערע קעגנער.

אויך אַזוי ווי די אמתע, האָבן זיי געלעבט און געווירקט אין משך פֿון די הונדערטער יאָרן, און זיינען פֿאַר דער צייט געווען נים איינע און דיזעלבע, געהאַט אויפֿבלי־פּעריאָדן און צייטן פֿון אונטערגאַנג. ווייניק נעמען זיינען דערגאַנגען צו אונדז, מערער אַנאָנימען. פֿאַר אונדז זיינען זיי נאָר אַ שאָטן, אַן אָפּקלאַנג פֿון די אמתע נביאים.

אין די צייטן פֿון די ערשטע נביאים זיינען זיי מערסטנס־טייל נביאים פֿון די געצן בעל און אישטאר, מים חעמען יהוה און זיינע נביאים פֿירן אַ דירעקטן קאַמף. אָבער שוין דעמאָלט און באַזונדער שפּעטער, אין דער צייט פֿון די נביאים־שריפֿט־שטעלער, קומען אויך די פֿאַלשע און ריידן אין יהוהס נאָמען. און אפֿילו אין דעם פֿאַל דאַרף מען זיי נים אָננעמען פֿאַר איינ־פֿאַכע אָפּנאַרער. אויך זיי האָבן געהאַט נבואה, באַגייסטערונג. זייער געדאַנקען־גאַנג איז נאָר געווען אין אַן אַנדער ריכטונג.

זײערע אינערלעכע איבערלעבונגען זײנען געװען פון אַן אַנ־דער מין.

די פֿאַלשע זײנען געװען נביאים, מערסטנטײל, פון דער הערשנדער מאַכט, מענטשן פֿון הײנט. נביאים, װאָס האָבן באַ־רעכטיקט און פֿאַרפּעסטיקט די הערשנדע לאַגע, מיטגעשװומען מיטן שטראָם.

די אמתע נביאים זײנען געװען מענטשן פֿון מאָרגן, אויב ניט רעװאָלוציאָנערן, איז שטענדיק אין אָפּאָזיציע.

די אמתע נביאים זײנען פֿאַרפֿאָלגט, די פֿאַלשע — גוט באַצאָלט.

װען אחאב קלײַבט זיך אױף אַ מלחמה מיט ארם, האָט ער שױן פֿאַר זיך אַ גאַנצע מחנה נביאים, װעלכע באַגײַסטערן אים און גיבן צו מוט דעם פֿאָלק און די קריגס־לײַט, מיטן פֿאָרױס־זאָגן אַ גליקלעכן אױסגאַנג פֿון קריג. אײנאײנציקער נביא מיכיהו בלײַבט אין אָפּאָזיציע, זאָגט פֿאָר שלעכטס. און דערדאָזיקער נביא איז פֿאַרצײכנט װי אַן אמתער.

אחאב װײס פֿאָרױס, אַז דער נביא װעט אים קײן גוטס ניט זאָגן און האָט אים דערפֿאַר פֿײַנט. דאָס איז אַ שטענדיקער נײן־זאָגער.

װען אין אפרים און אײך אין יהודה איז דער קולט פֿון בעל און אישטאר געװען דער הערשנדער, די געצנדינערײַ — די פֿאַרשפּרײטסטע אמונה און די בני ישראל זײַנען געװען געצנדי־נער, זײַנען אױך די פֿאַלשע נביאים צוגעשטאַנען צו דעם קולט, פֿלעגן פֿון אים באַגײַסטערט װערן און זײער נבואה איבערגעבן אין נאָמען פֿון בעל און אישטאר. דעמאָלט איז דער אונטערשײד צװישן די אמתע און פֿאַלשע נביאים געװען אַן אָפֿענער און אַ קלאָרער. אַזױ איז געװען אין די צײַטן פֿון אליהון, װען ער איז געבליבן, אײנזאַם און די גאַנצע מאַסע נביאים איז אַװעק צום בעל.

שפּעטער אָבער אין יהודה, װען יהוהס קולט איז געװען מער פֿאַרשפּרײט, און די כּוהנים און אָפּט אױך דער הױף זײנען געװען פֿרום, האָבן די אמתע נביאים אָנגערופֿן פֿאַר פֿאַלשע די יעניקע, װעלכע זײנען געװען פֿון אַנדער פּאָליטישער אָריענטאַציע,

די אַלע, וועלכע האָבן געלעבט בשלום מיט די הויף־לייט און כּוהנים.

אָבער אויך אין דעם פאַל זיינען דאָ איינצלנע אויסנאַמען. עס זיינען געווען ציטן, ווען די אמתע נביאים זיינען געווען מיט דער הערשנדער מאַכט און די פאַלשע מיט דער אָפּאָזיציע. אין חזקיהוס ציטן, ווען דער נביא ישעיהו איז געווען אַ מקורב צום קיסר און זיין עצה־געבער, זיינען די נביאים, וועלכע האָבן געפירט אַן אַנדער פּאָליטיק, געוואָרן פאַררעכנט פאַר פאַלשע. זיי האָבן געשפּילט אַ קליינע ראָלע און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ישעיהו רעדט וועגן זיי, פאַרהעלטניסמעסיק, ווייניק, באַציט זיך צו זיי מיט פאַראַכטונג.

דער נביא יחזקאל איז געווען איינער פון דער בבלישער קאָלאָניע, פון די ערשטע עמיגראַנטן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים. און אויך אין דער קאָלאָניע האָבן זיך געביל־דעט באַזונדערע גרופּעס נביאים, וועלכע האָבן געפירט צווישן זיך אַ העפטיקן קאַמף. דאָ אין בבל זיינען אין די ערשטע ציטן פאַר־קערט — די פאַלשע נביאים געווען די מאַרטירער. מיט לעבנסגעפאַר האָבן זיי געהאַלטן זייערע נביאות, זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַרויס־זאָגן זייערע מיינונגען. די ליבע צום פאָלק און לאַנד, צו ירושלים און דעם בית־המקדש, די שנאה צום פיינט האָט זיי באַגייס־טערט, און ניט קוקנדיק אויף דער געפאַר פון דער מאַכט: האָבן זיי געהאַלטן זייערע נביאות. אַזעלכע נביאים — אחאב און צדקיהו, דער זון פון מעשיהו — האָבן מיטן לעבן באַצאָלט פאַר זייערע נביאות. די בבלים האָבן זיי עפנטלעך פאַרבּרענט פאַר די רייד קעגן זיי.

דאָס זיינען אָבער מער ניט ווי איינציקע פאַלן. אין אַלגע־מיין האָט דער אמתער נביא געהאַט אויף זיין זייט דעם באַוווסט־זיין פון יושר, פון אמת, פאַרוואָס ער איז פאַרפאָלגט, פאַרטריבן און ליידט. ער איז דער איינציקער יהוהס שליח, און זיי, די פאַל־שע, פאַרפירן דאָס פאָלק, „בייסן מיט די ציינער אוןריידן וועגן שלום. אָבער ווער עס גיט זיי ניט אין מויל אַריין, קעגן יענעם גרייטן זיי אַ מלחמה" (מיכה).

אזוי ארום קענען מיר די פאַלשע נביאים אויך טיילן אין צוויי פעריאָדן: דער ערשטער פעריאָד זיינען די נביאים אין אפרים. דאָרט, ווו דער הערשנדער גלויבן איז געווען געצנדינעריי, דער קולט — די אָרטיקע בעלים און די פאַלשע נביאים זיינען געווען די נביאים פון בעל און אישטאר. זיי זיינען געווען זייער פיל, גאַנצע מחנות און האָבן פאַרפאָלגט יהוהס נביאים.

אָבער בײַ יהוהס נביאים איז שוין דעמאָלט ניט געווען קיין איינהייטלעכקייט. אין דער דערמאָנטער מלחמה פון אחאב און ארם געפינען מיר אַ געוויע באַשרייבונג פון קאַמף צווישן זיך בײַ יהוהס נביאים. דער פאַלשער נביא צדקיהו, דער זון פון כנענה, וואָס האָט פאָרגעזאָגט אַ נצחון אין דער מלחמה מיט ארם, איז צוגעגאַנגען צום נביא מיכיהו, האָט אים געפאַטשט און געזאָגט:

— פון וועגן אָן איז עס יהוהס גייסט אַריבער פון מיר צו דיר?

מיכיהו שטעלט בילדעריש פאָר, ווי יהוה זיצט אויפן געט־לעכן טראָן, אַרום אים די מלאכים, און יהוה פרעגט: ווער וועט זיך אָנגעמען אַריינרעדן אחאבן, ער זאָל גיין אין מלחמה און פאַלן אין רמות־גלעד? מיט פאַרשיידענע מיטלען האָט מען זיך אָנגענו־מען אים אַריינצונאַרן. צום סוף אָבער איז געפעלן דער מיטל פון גייסט, וואָס האָט זיך אָנגענומען אַריינצוגעבן אין מויל פון די נביאים פאַלשע רייד, דאָ איז סימוואָליש פאָרגעשטעלט, ווי די פאַלשע נבואה איז אויך אַרויס פון יהוהן.

אַן אַנדער בילד שטעלט מיט זיך פאָר יהודה. דאָרט אין ירושלים, ווו עס איז געשטאַנען יהוהס הויז, ווו די גאַנצע קאַסטע כוהנים האָבן ספּעציעל געדינט יהוהן, געבראַכט פאַר אים קרבנות און דערפון געלעבט, ווו אפילו איז אויך דער קיסרלעכער הויף געווען געטריי יהוהן, דאָרט איז געבליבן וויניק אָרט פאַר נביאים פון אַן אַנדער קולט. דאָרט האָבן שוין אַלע נביאים גערעדט אין יהוהס נאָמען. דערפאַר אָבער איז געווען גרויס און העפטיק דער אינערלעכער קאַמף צווישן יהוהס נביאים גופא. בײַ יעדער וויכטי־קער פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער געשעעניש האָבן זיי זיך צע־

טײלט אַף באַזונדערע גרופּעס און געקעמפּט פאַר השפּעה אַפן פאָלק, אין בית־המקדש, אין קיסרלעכן הויף.

װער־זשע פון זײ זײ זײנען געװען די אמתע און װער די פאַלשע, אויב אַלע האָבן גערעדט אין יהוהס נאָמען?

אין די לעצטע יאָרן פון מלכות יהודה, װען דער קאַמף צװישן די פאַרשײדענע גרופּעס נביאים איז געװען באַזונדערס שטאַרק, װען די פּאָליטישע לײדנשאַפטן האָבן פאַרכאַפּט גרויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, פאַרשװינדט אָפט אַפילו דער נאָ־מען פאַלשע און בײדע גרופּעס װערן, אײנפאַך, אָנגערופן נביאים. װען ירמיהו דערצײלט װעגן זײן קאַמף מיטן נביא חנניה, רופט ער אים ניט פאַלשער נביא, נאָר פּשוט—דער נביא חנניה. ער, ירמיהו, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ יאָך אַפן האַלדז צו װײזן, אַז פאַרװערגט און פאַרשקלאַפט װעט װערן ירושלים, און דער נביא חנניה האָט פון אים אַראָפּגעריסן דעם יאָך, צו װײזן אַף דער באַפרײאונג, װאָס שטײט פאַר ירושלים.

מיר װאָלטן געקענט דעם נאָמען „אמתע נביאים“ צושרײבן די יעניקע, װעמעס געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער פּראָגנאָז האָט זיך אַרויסגעװיזן פאַר באַרעכטיקט, איז געװאָרן פאַרװירק־לעכט. װעמעס רײד, הײסט דאָס, זײנען געװען אמתע, הגם אין זײן צײט נים באַליבט און ניט פּאָפּולער. פאַר פאַלשע נביאים, די יעניקע, װעלכע האָבן ניט ריכטיק פאַרגעזאָגט דעם גאַנג פון די געשעענישן, הגם זײ האָבן אויך גערעדט אין יהוהס נאָמען. אַזאַ סימן צו אונטערשײדן די אמתע פון די פאַלשע נביאים װערט אויך אָנגעװיזן אין „דברים“ (יח' 20—22).

אָבער אויך דער סימן איז ניט אַבסאָלוט אויסגעהאַלטן. דער נביא אלישע, אין װעמעס אמתקײט מען צװײפלט ניט, האָט געראַטן דרײ מלוכות, אפרים, יהודה און אדום גײן אין קריג מיט מואב. דער קאַמף אָבער איז געװען אַן אומגליקלעכער פאַר ישראל. און מואב האָט צום סוף געזיגט. אויב אַפילו דער נצחון פון מואב איז ניט געװען אַזױ גרויס, װי דאָס באַריםט זיך דער קיסר פון מואב מישע אין זײן פאַרבליבענער מצבה, אָבער דאָך געזיגט האָט מואב, און אלישעס נביאות האָט זיך אַזױ אַרויסגע־

איזן פאַר ניט אינגאַנצן ריכטיק. דאָסזעלבע געפינען מיר בא אײניקע נביאות פון ירמיהון.

ווענן די נביאים־דיכטער פּאַסט צו זאָגן:

—איך וואָלט ניט וועלן מײן נבואה זאָל מקוים ווערן!—

די נביאים האָבן געהאַט אין זינען איבערהויפּט שטראָפן דאָס פאָלק און זײנע פירער. זײ האָבן געדראָט מיט אַלדאָס שלעכטס, כּדי מען זאָל בעסער ווערן און דאָס שלעכטס זאָל ניט פאָרקומען.

דער ספר דברים, וואָס איז לויט אײניקע סמנים א נביאים װערק, אינטערעסירט זיך אויך מיט דער פראַגע פון אונטערשײדן דעם אמתן נביא פון פאַלשן.

אין דער צײט, ווען דאָס בוך איז פאַרפאַסט געוואָרן איז, קענטיק, די פראַגע געווען זײער אַקטועל, און אין קאַפּיטל 13 װערט געמאַכט א פרווו אונטערצופירן אַן אידעישן אונטערשײד. ניט דעם אויסער־לעכן סימן פון פאַרווירקלעכונג פונם נביאם רײד, נאָר אַן אינערלעכער, אָפּהענגיק פון דעם אינהאַלט פון דער נבואה.

דער נביא מוז גײן און פירן אין יהוהס וועג!

אויב אָבער ער רעדט פאַר אַנדערע געטער, איז אַפילו, אויב זײנע רײד ווערן מקוים, זײנע פאַרויסזאָגונגען און סימנים װערן פאַרווירקלעכט איז ער מערניט ווי א פאַנטאַזיאָר, וועלכער מוז געטויט ווערן.

דער נביא ירמיהו איז דעם גאַנצן לעבן געשטאַנען אין קאַמף מיט די פאַלשע נביאים. זײ האָבן אים פאַרביטערט דאָס לעבן און ער רופט זיך אָפּ ווענן זײ מיט כּעס און צאָרן. ער זעט אין זײ דעם אומגליק פון יהודה און שילט זײ, געפינט פאַר זײ די ערגסטע ווערטער. און אויך ער גיט אַן אָביעקטיוון פּרינציפּיעלן סימן אונטערצושײדן די אמתע פון די פאַלשע נביאים. זײן סימן איז זײער נאָענט צו דעם, וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז דער אמתער נביא איז שטענדיק אין אָפּאָזיציע צו דער הערשנדער מאַכט.

ירמיהו מײנט, אַז אויב דער נביא זאָגט פאַר שלעכטס,

מלחמות, מאָרד, איז ניטאָ קיין גרונט, פֿאַר וואָס אים ניט צו גלויבן. אויב אָבער ער רעדט וועגן פֿרידן, וועגן שלום אין איינקלאַנג מיטן ווילן פֿון פֿאָלק און פֿון הערשער, מוז מען אָפּוואַרטן, ביז דאָס וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן, און דעמאָלט וועט מען ערשט זען, אויב דאָס איז געווען אַן אמתער נביא. פֿאָרויסזאָגן גוטס לויטן ווילן פֿון הערשער און פֿאָלק האָט געלוינט און איז ניט געווען קיין סימן פֿון אמתער נבֿואה. ווען דער נביא האָט אָבער פֿאָרויסגעזאָגט שלעכטס קעגן ווילן פֿון דער מערהייט און אָפֿט געליטן דערפֿאַר, האָט עס געקענט פּאַסירן נאָר לויט יהוהס פֿאָדערונג.

דאָ דאַרף מען זוכן דעם שליסל צו דער פֿראַגע. אייניקע געלערנטע (הערמאַן גונקעל, סעלין א. א.) טיילן די נביאים אין אַזעלכע, וואָס שטראָפֿן, זאָגן פֿאָר שלעכטס, אומגליק, מפּלות און, פֿאַרקערט, נביאים, וואָס טרייסטן, קומען מיט גוטע רייד וועגן ישועות, נצחונות. פֿאַר געוויסע היסטאָרישע פּעריאָדן, באַזונדער פֿאַרן חורבן, איז דאָס דער סימן צו אונטערשיידן אמתע פֿון פֿאַלשע נביאים. מערניט נאָכן גלות בבל, ווען די לאַגע האָט זיך איינגאַנצן געביטן, און מען האָט געדאַרפֿט מונטערן און טרייסטן דאָס פֿאָלק, איז אויך דער אמתער נביא געוואָרן אַ „גוטער" נביא.

דער נביא ישעיהו דער צווייטער, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט, ווען ייִדן האָבן זיך געקערט פֿון בבל צוריק אַהיים אין ארץ־ישראל, הייבט אָן זיינע נביאות מיט: „טרייסט, טרייסט מיין פֿאָלק!" כאַראַקטעריסטיש, אַז דער נביא דערמאָנט איינגאַנצן ניט די פֿאַלשע נביאים. ער האָט אַליין איבערגענומען זייער אַרט נבֿואה, זייער טאַקטיק, און הגם אויך בא דעם נביא איז „די צונג שאַרף ווי אַ שווערד", אָבער ער איז געווענדעט קעגן אַנדערע פֿעלקער. פֿאַר ציון האָט ער נאָר גוטע, טרייסטווערטער.

פֿריער אָבער, ווען די ייִדן האָבן געלעבט און געזינדיקט אַף דער אייגענער לאַנד, אין דער אייגענער מלוכה, איז דער אמתער נביא געווען דער, וואָס האָט געשטראָפֿט, געמוסרט, געדראָט מיט אונטערגאַנג. יהוה איז דער איינציקער גאָט פֿון

אוראַלטע צייטן, וואָס שאַנעוועט ניט זיין איינן פאָלק, נאָר, פאַר־קערט, וועט אים אַליין אומברענגען. באַזונדער קלאָר איז עס באַם נביא עמוס. ער צעשלאָגט די אַלגעמיינע האָפֿענונגען אַף „יהוהס טאָג״. ניט קיין גליקלעכער, נאָר אַן אומגליקלעכער װעט זיין דער טאָג:

ווײ צו די, וואָס גלוסטן נאָך יהוהס טאָג!
צו וואָס באַדאַרפט איר אים?
אַז פינסטער איז דער טאָג, אַן ליכט!
ווי אַ מענטש, וואָס אַנטלויפט פון אַ לייב,
פאַלט אַרויף אַף אַ בער!
לויפט אַריין אין אַ שטוב
און שפּאַרט זיך אָן אָן אַ וואַנט,
און עס בייסט אים אַ שלאַנג!
פינסטער איז יהוהס טאָג,
פאַרחושכט, אָן שיין, אָן ליכט!

די פאַלשע נביאים זיינען דאָס געוועזן די, וואָס האָבן „געגלוסט נאָך יהוהס טאָג״, וואָס האָבן געמאָלט בילדער מיט העלע, ראָזע פאַרבן.

ירמיהו זאָגט איראָניש, אַז ער וועט אָנטרינקען די נביאים מיט ביטער־וואַסער, זיי אָנעסן מיט ביטערע גראָז, זיי זאָלן אַזוי ניט חנפענען, ניט ריידן אַזוי זיס.

צוליב דעם, וואָס די אמתע נביאים זיינען געוועזן קעגן דער מאַכט, קעגן דער מערהייט, האָט זיך אָפּט באַקומען, אַז זיי האָבן באַליידיקט די נאַציאָנאַלע געפילן פון פאָלק. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי פאַראַטן די אינטערעסן פון דער מלוכה.

אין ירמיהוס צייטן האָט זיך מאַקע באַשאַפן אַזאַ לאַגע און מען קען ניט אינגאַנצן באַשולדיקן די נביאים, וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט. ירושלים האָט דאַן איבערגעלעבט די שרעקלעכע טעג פון בבלס באַלאַגערונג. די אויפגאַבע פון די נביאים, די גייסטיקע פירער פון פאָלק, איז געוועזן וועקן די מוט, שטאַרקן דעם ווידערשטאַנד. און דאָ קומט ירמיהו און שיט זאַלץ אַף די וווּנדן מיט זיינע נביאות, שוואַכט אָפּ דעם מוט באַם פאָלק

און בא די קרינגסלײט. און עס איז קײן װוּנדער ניט די שנאה און פאַרפאָלגונגען, װאָס ירמיהו האָט אַרױסגערופן.

ירמיהו אַלײן האָט פאַרשטאַנען זײן טראַגישע לאַגע, און צװאַמען מיט די קללות, פײַנטשאַפט. װי.ם ער שיט אױף זײנע קעגנער, רײסן זיך בא אים אַרױס אױך אַנדערע מאָטיװן:

„די האָרץ איז אין מיר צעבראָכן צוליב די נביאים,
אַלע מײנע בײנער זײנען צעטרײסלט.
איך גײ אַרום, װי אַ שיכורער,
װי אַ מענטש, װעמען װײן האָט באַהערשט".

צו פאַרײביקן דעם נאָמען פון די אמתע נביאים און לאָזן אין שאָטן די פאַלשע האָט מיטגעװירקט אױך אַן אױסער־לעכע סיבה. געשיכטע איז דאָס, װאָס מען פאַרשרײבט. און אָט די נביאים, װאָס האָבן אַלײן געשריבן, אָדער אין װעמעס נאָמען אַנדערע האָבן געשריבן, זײנען צוגערעכנט צו די אמתע, און די קעגנער זײנען אינגאַנצן פאַרשװיגן, אָדער צוגעשריבן צו די פאַלשע.

די יונגע נביאים פון שמואלס שול, די הױף־נביאים גד און נתן זײנען געװען די ערשטע כראָניקע־שרײבער. ירמיהו, װעלכער דערצײלט אױספירלעך װעגן זײנע נביאות, דערצײלט אױך פון דעם, װי זײן אָנהענגער און סעקרעטאַר ברוך, דער זון פון נריה, פלעגט דירעקט פאַרשרײבן זײנע רײד. גאָט אַלײן זאָגט צו ירמיהון:

„פאַרשרײב זיך די רײד, װאָס איך האָב צו דיר גערעדט, אין אַ בוך" (ירמיהו ל, 3—1).

דער נביא יחזקאל, װעלכער האָט געלעבט אין דער צײט, װען די נביאות איז שױן געגאַנגען באַרג אַראָפּ, זאָגט פאַר דעם גורל פון די פאַלשע נביאים:

„מיך אין פאָלק װעלן זײ ניט אַרײנקומען, און אין די שריפטן פון ישראלס הױז װעלן זײ ניט אַרײנגעשריבן װערן".

די אמתע נביאים האָבן געהאַלטן אין האַנט דאָס פאַר־שרײבן, געװען באַװאָפנט מיט טינטער אױף די לענדן (יחזקאל ט) און געבליבן אין דער געשיכטע אומשטערבלעך, מיט אַ גוטן נאָ־

מען, די קעגנער זײַנען אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין תּהום פֿון פֿאַר־געסן ווערן.

נאָך דעם אַלעמען בלײַבט דאָך דער אונטערשייד אויך אין אינערלעכן צושטאַנד פֿון אמתן און פֿאַלשן נביא. דעם פֿאַלשן פֿעלט דער אינערלעכער ברען, די גאַנצקייט און איבערגעבנקייט פֿון אמתן נביא. דאָס שוואַכט אָפּ דעם ווידערשטאַנד פֿון פֿאַלשן נביא אַריבערצוטראָגן די צרות און פֿאַרפֿאָלגונגען פֿאַר זײַנע אי־בערצײַגונגען. אין פּערזענלעכן און פֿאַמיליען־לעבן איז אַזאַ נביא ניט אויסגעהאַלטן. ניט קיין פֿעסטע, עטישע פּערזענלעכקייט. דער אמתער נביא איז אַ בײַשפּיל פֿון אַ פּאָזיטיוו אויסגעהאַלטענער פּערזענלעכקייט. דער פֿאַלשער נביא איז אַ האַלבער נביא און דאָס גיט די פֿעסטקייט, רעכט און מוט ירמיהון צו וואַרפֿן אַזאַ נביא אין פּנים:

— דיך האָט גאָט ניט געשיקט!

דאָס ניט איבערלעבן די נבואה מיטן גאַנצן פֿיבער פֿון דער נשמה, פֿירט דעם פֿאַלשן נביא צו פּשרות, שלום מאַכן מיט דער מאַכט, מיט דער ווירקלעכקייט, מער אונטערוואַרפֿן זיך דעם פֿאַר־לאַנג פֿון פֿאָלק, אײדער דיקטירן אים גאָטס פֿאַרלאַנג. און דאָס ברענגט דערצו, אז דער פֿאַלשער נביא נעמט קוקן אַפֿן אַרומיקן לעבן, אַף דער צוקונפֿט, ניט אַזוי פֿינסטער און טרויעריק, ווי דער אמתער נביא.

# די נביאים פון כאציאלן קאמף
# עמוס און מיכה.

# עמוס

ניט ווייט פון בית־לחם, אפן גרעניץ פון די פּרוכטבאַרע פעלדער פון אפרים און די מדבריות פון יהודה, געפינט זיך די שטעטל תקוע, ווו עס איז געבאָרן געוואָרן דער ערשטער פון די נביאים־שריפטשטעלער און איינער פון די גרעסטע נביאים—עמוס.

געבאָרן און אויפגעהאָדעוועט אין יהודה, איז עמוס געקומען מיט זיינע נביאות אין אפרים, ווו ער האָט געפונען פאַר זיך דעם פּאַסיקן נויטיקן ארט.

פון 837־טן יאָר פאַר קר. ג., ד. ה. פון דער צייט אָן, וואָס יהוא האָט אַראָפּגעוואָרפן אחאבס דינאַסטיע, אויסגעראָטן דעם בעל־קולט און אָפיציעל איינגעשטעלט דעם דינסט צו יהוהן, ביז עמוסן, ד. ה. גאַנצע 70 יאָר, ווייסן מיר גאָרנישט פון די נביאימס טעטיקייט, די נבואה האָט זיך ווי איבערגעריסן.

דאָס איז געווען די צייט, ווען יהוהס נביאים זיינען געווען פּריווילינירטע, זיינען געוואָרן הויף־נביאים, ענלעך צו דודס צייטן. דער קולט פון די בעלים איז נאָך געווען טיף איינגעוואָרצלט אין פאָלק, אָבער די הויף־נביאים האָבן ניט געקעמפט קעגן דעם. זיי האָבן פאַרלאָרן זייער התלהבות און זיך רויק איינגעלעבט אין לאַנד.

עמוס, וועלכער האָט אויפגעריסן די נביאישע קאַסטע, האָט

פריער נים געהערט צו זיי, נאָר איז געקומען פון דער זיים. ער איז נים געוועזן קיין נביא און נים קיין זון פון א נביא, נאָר א פאַסטעך, געקליבן ווילדע פייגן.

די צוויי שטריכן פון זיין ביאָגראַפיע האָבן באַשטימט דעם גורל פון זיין נבואה. ער איז נים געווען געבונדן מיטן נביאישן שאַבלאָן און איז אויסגעוואַקסן פון נידעריקע סאָציאַלע שיכטן, וואָס האָט געגעבן אינגאַנצן א נייע ריכטונג זיינע נביאות, אויפגעהויבן זיי אין נייע און ווייטע הימלען.

אפרים האָט איבערגעלעבט די בעסטע און רייכסטע ציימן. דער גרעסטער פיינט פון אפרים, אַרם, איז צעקלאַפט. די גרויסע ערדבאַזיצער זיינען רייך און מעכטיק. שומרון איז אויסגעפוצט מים פּאַלאַצן, פאַרטרונקען אין גערטנער און סעדער. איינמאָל, אין הארבסט יום־טוב פון 768 פאַר קר. ג. ווען די פריילעכע געצנדינער האָבן מים וויין און הורעריי אויסגעדריקט זייער שמחה פאַר די געטער, איז געקומען דער פאַסטעך עמוס אין אַלמן הייליקן בית־אל און גענומען ריידן באמת שרעקלעכע רייד.

מים א מאָן פון א קלאָג־ליד, ווי מען באַקלאָגט א נאָענטן מת, האָט עמוס געגומען באַקלאָגן די בליענדע מלכות ישראל, פאַרויסזאָגן דאָס ערגסטע און אומגליקלעכסטע פאַרן פאָלק און לאַנד. אָבער גאָט און לאַנד איז געווען דעמאָלט איין און דאָסזעלבע און דאָס אונטערגאַנג פון לאַנד, הייסט דער אונטערגאַנג פון גאָט. פאַרויסזאָגן אַזאַ אונטערגאַנג הייסט לעסטערן גאָט. און דאָס ווערט געטאָן אין דער הייליקער שטאָט בית־אל אפן הייליקן יום־טוב.

דאָס קען נים טאָן א הויף־נביא, דאָס קען נאָר טאָן איינער פון דער זיים:

נאָך אומפאַרשטענדלעכער זיינען געוואָרן עמוסעס רייד, ווען ער האָט געענטפערט אף דער פראַגע:

— ווער וועט דאָס זיין דער, וועלכער וועט אומברענגען דאָס לאַנד און די געטער!

— דאָס איז יהוה — גאָט אַליין!

ער אַליין וועט פֿאַרברענען דאָס לאַנד, ברענגען דעם פֿײַנט און פֿאַרניכטן זײַנע הײליקײטן!

דאָס פֿאָלק איז צערודערט, געריצט פֿון אַזעלכע רייד און דער כּוהן פֿון בית־אל אמציה, דער אָפֿיציעלער דינער פֿון גאָט, זאָגט צו עמוסן:

— אַנטלויף אין יהודה, דאָרט עס דײַן ברויט און האַלט דײַנע נביאות! אין בית־אל אָבער זאָלסטו מער קיין נביאות ניט זאָגן, דאָ איז אַ מלוכה־הויז, דעם קיסרס הײליקטום.

אָבער עמוס דערקלערט, אַז ער געהערט נאָר ניט צו דער נביאישער קאַסטע און רעכנט זיך גאָר ניט פֿאַר אַ נביא, נאָר גאָט האָט אים צוגענומען פֿון די שעפּסן און געהייסן נביאות זאָגן אויף ישראל. ער האָט דערפֿילט אין זיך אַ קראַפֿט, געקו־מען אין די טויערן פֿון בית־אל און ווי אַ לייב אויסגעשריען גאָטס רייד:

ווער וועט זיך ניט דערשרעקן,
ווען אַ לייב שרייט?
ווער וועט רעדן ניט נביאות זאָגן,
ווען גאָט הייסט?

מער ווי אַנדערע נביאים דערמאָנט דאָ עמוס אליהון.

דעמאָלט האָט דער כּוהן פֿאַרמאַסערט עמוסן צום קיסר ירבעם: — עמוס האָט געמאַכט אַ בונט אין ישראל אויף דיר. דאָס לאַנד קען מער ניט פֿאַרטראָגן זײַנע רייד. ער זאָגט פֿאַר, אַז דער קיסר וועט שטאַרבן דורכן שווערד און ישראל וועט פֿאַרטריבן ווערן פֿון זײַן לאַנד.

עס איז געבליבן אומבאַקאַנט, ווי ירבעם האָט רעאַגירט אויף אַזאַ נבואה. מעגלעך, אַז פֿאַרשיכּורט פֿון ווײַן, וווילטיק און נצחון, האָט ער ניט געלייגט קיין אַכט אויפֿן פֿאַסטעכס רייד.

דאָס איז אָבער אַלץ, וואָס מיר ווייסן פֿון עמוסעס לעבן. ווײַטער הייבט זיך אָן דער אויסגעשריי פֿון לייב, גאָטס ווערטער, צו וועלכע מען מוז זיך צוהערן.

דער וויכטיקסטער מאָמענט אין עמוסעס נביאות, זײַן נביאישער פּאַטאָס, איז דער קאַמף מיט די עוולות, וואָס די

רײַכע מוזן די אָרעמע און דער בײַטערער סוף, װאָס װעט קומען אױף די צײַטװײַליקע הערשער.

די צײַטן פֿון ירבעם II אין מלכות ישראל איז געװען דער גלענצנדער פּעריאָד פֿון דער מלוכה. קינמאָל איז אפֿרים נים געװען אַזױ רײַך און גרױס װי פֿאַר ירבעמען. זאַט און זאָרגלאָז האָט געלעבט די אַריסטאָקראַטיע פֿון אפֿרים: עס זײַנען אױסגע־װאַקסן גרױסע שטעט, בית־אל איז געװאָרן נים נאָר אַ הײליק־טום, נאָר אױך אַ האַנדלס־צענטר. די שטעט זײַנען געװאַקסן אױפֿן חשבון פֿון דאָרף. די סוחרים האָבן געפֿירט אַ רײַכן, אױסגעלאַס־סענעם לעבן צוזאַמען מיט די כּהנים און ערד־מאַגנאַטן. די אָרעמע פּױערים אָבער האָבן אַלץ שװערער געאַרבעט און װײניקער באַקומען.

די געצנדינערײַ האָט די זאָרגלאָזיקײט און זאַטקײט פֿאַר־װאַנדלט אין אַ קולט, אין אַ הײליקײט. די פּעטס פֿון די קרבנות האָט זיך צוזאַמען מיטן טײַערן װײַן געגאָסן פֿאַר די גאָלדענע קעלבער פֿון בית־אל און דן. אין אָט קומט אַן אָרעמער פּאַסטעך און שים פּעך און שװעבל. זאָגט פֿאַר אַ פֿינסטערע צוקונפֿט, דעם אונטערגאַנג פֿון די רײַכע און דער אַריסטאָקראַטיע.

פֿון עמוסעס ברוסט האָט זיך אַרױסגעריסן דער פּראָטעסט פֿון דאָרף קעגן שטאָט, דער װײ־געשרײַ פֿון באַגזלטן אָרימאַן קעגן דעם רײַכן רױבער!

צװישן די פֿיל שלעכטס, װאָס האָט געהערשט אין אַרומיקן לעבן, װײל עמוס געפֿינען דעם צענטער, דאָס ערגסטע פֿון דאָס שלעכטע, דאָס בײַזסטע פֿון אַרום. ער מאַכט אַ שפּאַציר איבער די אַרומיקע לענדער, איבער די קיסרלעכע הױפֿן, איבער דמשק, עזה, צר, אדום, עמון און מואב און זוכט אױס בא זײ דעם לעצטן טראָפּן, מיט װעלכן זײ האָבן איבערגעפֿולט דעם בעכער פֿון זינד און צוליב װאָס זײ װעלן אומקומען. װאָס מען קען אָבער נים פֿאַרגעסן און מוחל זײַן דעם פֿאָלק ישראל, איז דאָס, װאָס זײ פֿאַרקױפֿן פֿאַר געלט דעם גערעכטן, דעם אָרעמאַן.

פֿאַרקליבן זיך אין די שײנע, רײַכע פּאַלאַצן, אָנגעפֿילט מים רױב, פֿאַרבראַכטן זײ זײער לעבן אין פֿאַרגעניגן און װילמיק,

אין דעם זינען איז די אַריסטאָקראַטיע אומעטום גליַיך, אומעטום דיזעלבע עוולות. צו די פּאַלאַצן פון אשדוד (פּלשתּים) און מצרים קען מען נאָך צוגעבן די ווילעס אַף די בערג פון שומרון.

בּאַ דער פאַרשיכּורטער, זאַטער אַריסטאָקראַטיע זעט עמוס ניט קיין גײַסטיקן פונק. די שטראָף, וואָס וועט אַף זיי קומען איז אַ פאַרדינטע.

זיי ליגן אַף די גוטע העלפנבײַן־בעטן,
ציען זיך אַף די ווייכע געלעגערס.
עסן די געשטאָפּטע רינדער,
און צימבלען אַף די האַרפן־סטרונעס.

פאַרטרונקען און פאַרהוליעט זעען ניט די רײַכע, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי, אַרט זיי ניט אַפן בראָך פון לאַנד, פילן שוין גאָר ניט דעם אונטערדריקטן.

און יהוה שווערט:
דערווידער איז מיר יעקבס גרויסקייט!
פײַנט האָב איך זײַנע פּאַלאַצן!
צעקלאַפּן וועל איך זײַן שטאַרקייט!
צערײַסן וועל איך זײַן פעסטקייט!
און אַ פאָלק פון דרויסן
וועט אײַננעמען און באַצווינגען ישראל!

עמוס איז דער ערשטער נביא, בּאַ וועלכן מיר געפינען דעם פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער עקספּלאָאַטאַציע. די רייד גייט בּאַ אים ניט נאָר וועגן גבירים און אָרימע לײַט. זאַטע און הונ־געריקע, שטאַרקע און שוואַכע. בּאַ עמוסן שטרעבט דער רײַכער אײַנצושלינגען דעם אָרעמען, אויסראָטן אים. זיי, די שטאַרקע האַלטן אין האַנט דאָס נויטיקסטע — די ברויט. זיי וואַרטן אויס ביז עס וועט טײַערער ווערן, ביז דער אָרעמער וועט זיך מער נויטיקן. זיי העכערן די פּרײַזן, פאַלשעווען אין וואָג. אַנשטאָט ברויט פאַרקויפן זיי דעם אָפּפאַל פון ברויט. זיי ווילן פאַר זייער געלט אָפּקויפן דעם אָרימאַן, דעם אביון פאַר אַ קלײניקייט, פאַר אַ פּאָר שיך.

און דער נביא שווערט אין יהוהס נאָמען, אַז דאָס וועט ער אייביק ניט פאַרגעסן.

אין מיטן טאָג
וועל איך די זון פאַרפינסטערן!
דעם יום־טוב אין טרויער
און די לידער אין קלאָג פאַרוואַנדלען!
אין זייער גאווה,
האָבן די הערשער
אָן גאָטס וואָרט פאַרגעסן.
עס וועלן קומען טעג,
און איך וועל שיקן
אַ הונגער אין לאַנד:
ניט אַ הונגער נאָך ברויט,
ניט אַ דאָרשטן נאָך וואַסער,
נאָר נאָך גאָטס רייד!

עמוס איז דער נביא, פאַר וועמען די צוקונפט איז ניט אַ ריי צופעליקייטן, נאָר אַ באַוווּסטזיניקער פּראָצעס. יעדער פאָרפאַל האָט זיין סיבה אין דער פאַרגאַנגענהייט. שלעכטס און עוולות מוזן געשטראָפט און באַשטראָפט ווערן, דאָס גוטע מוז באַלוינט ווערן. אויף דער וועלט הערשט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון קלאַסן און פעלקער. די צוקונפט איז ניט באַשטימט פאַרויס דורך אַ בלינדער קראַפט, נאָר איז אָפּהענגיק פון דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער געשיכטע הערשט צוזאַמענהאַנג אין געזעצלעכקייט!

אַזעלכע געדאַנקען האָבן אויפגעשטעלט די גאַנצע נבואה אויף אַנדערע יסודות. דער נביא איז ניט קיין טרעפער פון דער צוקונפט, נאָר איר שעפער און פאָרשער. ער פאָדערט פון פעל־

קער און מענטשן גערעכטיקייט און נאָר אין דעם פאַל, אויב מען וועט אים ניט האָרכן, וועט קומען דער אונטערגאַנג.

אַזאַ נייער אַריינדרינגען אין דער צוקונפט, די מאָס פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט, מיט וועלכער עמוס איז צוגע־גאַנגען צו דער וועלט, האָט געבראַכט עמוסן צו דעם אינטער־נאַציאָנאַלן ברייטן באַנעם פון דער געשיכטע.

סאָציאַלע אונטערדריקונג, דאָס ברוטאַלע הערשן פון שטאַרקן איבערן שוואַכן איז אַן אַלגעמיין פאַרשפּרייטע דערשיינונג און סאָציאַלער יושר און גערעכטיקייט דאַרפן זיין אומעטום.

עמוסעס נביאות פאַרשפּרייט זיך שוין ניט נאָר איבער ישראל. דער אויסגעשריי פון לייב טראָגט זיך איבער גאַנץ סיריען, ער הערט זיך אין דמשק, אין עזה, צור, עמון, מואב און צום לעצטן שוין איבער יהודה.

דאָ קומט עמוס צום ערשטן מאָל מיטן באַגריף פון אינ־טערנאַציאָנאַלער רעכט. ער שטראָפט די אַלע דערמאָנטע פעל־קער דערפאַר, וואָס אין קאַמף צווישן זיך האָבן זיי פאַרגעסן אָן מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט. ישראל ווערט געשטראָפט פאַר סאָציאַלער אומגערעכטיקייט!

אין זיינע באַציונגען צו יום־טובים, צו קרבנות און אפילו צו דער יידישער געשיכטע איז עמוס דער רעוואָלוציאָנער, וועל־כער האָט וויניק פון אַלטן יחוס און ברעכט די אַלטע באַגריפן און מנהגים. אפילו דאָס אַרויספירן די יידן פון מצרים, מיט וואָס עס גרויסן זיך אַנדערע נביאים, איז עמוס מבטל.

— „איר—די קינדער פון ישראל, זאָגט יהוה, זייט פאַר מיר דיזעלבע וואָס די כושים. אמת, איך האָב ישראל אַרויסגע־צויגן פון מצרים, אָבער אויך די פלישתים פון כפתור און אַרם פון קרעטאַ האָב איך אַרויסגעצויגן!" (עמוס ט' 7). דער נביא פון פראָסטן פאָלק לאַכט פון היסטאָרישן יחוס.

עמוסעס באַציונגען צו יום־טובים, צו קרבנות זיינען פול

מיט פאַרביטערטקייט, מיט גאַל. אַזאַ האַס, אַזאַ עקל צו קרבנות, צום אויסערלעכן קולט געפינען מיר בײַ קיין נביא נים.

איך האָב פײַנט אײַערע יום־טובים!
מיר האָבן דערעסן אײַערע קרבנות!
אײַערע מתּנות וויל איך נים האָבן!

איך קען נים אָנקוקן אײַערע שעפסן!
נעמט צו פון מיר אײַערע געזאַנגען!
איך וויל נים הערן אײַערע הארפן!

פערציק יאָר זײַט איר אָפּגעווען אין מדבר,
האָט איר ווען געקוילעט פאַר מיר אַ קרבן?
געבראַכט פאַר מיר אַ מתּנה?!

דער נביא, וואָס האָט שאַרף אַרויסגערוקט דעם באַגריף פון משפט, האָט נאָך געהאַט אַ באַזונדערן גרונט פאַר זײַן שנאה צו קרבנות. דאָס געריכט איז געווען אָנגעשטעלט פון שטאַרקן און פאַרקויפט צום רײַכן. אַ מתּנה דעם ריכטער, דאָס פאַרקויפן דעם געזעץ לטובת דעם רײַכן. איז געווען אומעטום און עמוס האָט אין קרבן דערפילט דעם בײַגעשמאַק פון שוחד, פון וועלן אונטערקויפן גאָט. דער נביא פון משפט הױט דאָס נים געקענט פאַרטראָגן.

ער איראָניזירט אַפילו איבער אָפּהיטן שבת און ראש חדש, אויף דאָס טוען די רײַכע סוחרים, וואָס וואַרטן נאָר דער שבת זאָל אריבערגיין, כּדי ווײַטער נעמען האַנדלען פאַלש, אָפּנאַרן אין וואג און מאָס, „אָפּקויפן דעם אָרימאַן פאַר געלט, דעם אביון פאַר אַ פּאָר שיך“.

בײַ עמוסן זײַנען צוזאַמענגעבונדן די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן מיט די באַגריפן וועגן גאָט, רעכט, עטיק, מיט דער געשיכטלעכער צוקונפט. דער יסוד זײַנען די סאָציאַלע באַציונגען. עמוס וואַקסט אויס פאַר אונדז, ווי אַ נביא מיט אַ צענטראַלער אידעע, מיט אַן אײַנהײַטלעכער וועלט־אָנשויונג.

# עמוסעס שפּראַך.

אויב מיר פאַרעכענען עמוסן פאַרן ערשטן פון די נביאים דיכטער, מוזן מיר זיך באַזונדער אָפּשטעלן אַף זיין שפּראַך. דאָס איז אַ שול פאַר אַלע שפּעטערדיקע נביאים.

מיר פילן אַן אינערלעכן צויבער, אַ גרויסקייט און רייכקייט אין שפּראַך פון די נביאים. זי איז טעמפּעריש, קורץ, שלאָגע־דיק, רייך אין ווערטער און בילדער.

עמוס איז מיט זיין קראַפט פון וואָרט, בילדערישקייט און באַגייסטערונג געוואָרן דער לערער פאַר אַנדערע נביאים. ער האָט צו טאָן מיט דער ארומיקער נאַטור: די זון און די לבנה, די בערג און טאָלן, טאָג און נאַכט, די וועלדער און פעלדער דינען אים פאַר זיינע בילדער. דער אויסדרוק „שלאָגווערטער” פּאַסט פאַר עמוסן בוכשטעבלעך. איר פילט אין זיינע שטראָף־רייד ממש ווי קלעפּ איבערן קאָפּ פון די, אַף וועמען דער נביא גיסט אויס זיין צאָרן. אין זיינע בילדער זיינען די פאַרבן אַזוי געדיכט, אַז איר לעבט זיי איבער כמעט פיזיש. ער באַגנוגנט זיך נישט מיט דעם, וואָס ער דערמאָנט הונגער און דורשט, נאָר מאָלט אויס ווי דער הונגער קומט אָן, ווי עס הערט אויף צו רעגענען נאָך מיט דריי חדשים פאַרן שניט, ווי גאַנצע שטעט וואָגלען אַרום צו כאַפּן אַ טרונק וואַסער.

פאַרן נביא דעם פּאַסטעך זיינען לעבעדיק די בילדער פון דער נאַטור, פון די ווילדע חיות, פון לייב, פון בער און שלאַנג, וועלכע פאַרפאָלגן דעם מענטשן, וואָס קען זיך פון זיי נישט אויסבאַהאַלטן. דער פּאַסטעך פילט זיך היימיש, ווען ער ליגט און קוקט אַף די שטערן אין הימל. אָבער ער איז אויך גענוי באַקאַנט מיטן לעבן פון די רייכע און זאַטע, וועמען ער האָט אינערלעך אַזוי פיינט. די אינערלעכע שנאה צו די רייכע עקס-

פלוטאטאָרן מאכט לעבעדיק און אינהאלטספול זיין שפראך, ווען ער רעדט ווי „זיי, פעטע, זאטע און אויסגעבאָוועטע, וואלגערן זיך אף די ווייכע קישנס און צימבלען אף די הארפעס". פארנעמענדיק זיך, כלומרשט, מיט מוזיק.

אין קראפט פון עמוסעס ווארט פילן מיר דעמזעלבן סאָציאַלן פאטאָס, וואָס האָט אים באגייסטערט און געשאפן זיין וועלטאָנשויאונג. צו די רייכע רויבער רעדט ער אין צווייטער פערזאָן. ער ווייס ניט פון קיין חניפה, פון שאנעווען, ער נוצט אוים די עפיטעטן פון פאסטעך:

— הערט זיך איין, איר קי פון בשן, דעם אָרעמאן צערויבט איר, דעם אביון צעטרעט איר!

אזוי רעדט עמוס צו די רייכע „מוזיקאַלישע" פרויען פון ישראל.

שפעטער בא ישעיהון און הושען, בא די נביאים־אריסטאָקראטן, געפינען מיר ערטערווייז א געשליפענערע און רייכערע שפראך. אָבער כמעט אלע וויכטיקע פאָרמעס פון דער דיכטערישער נביאים־שפראך האָבן מיר שוין בא עמוסן. אין דעם זינען איז ער באמת דער שעפער פון א נייער שול.

די ווירקונגען פון עמוסעס געראנקען וועגן משפט, געזעץ, געפינען מיר דירעקט בא מיכהן. די פירער, די קעפ מוזן קודם כל זיך האלטן אָן געזעץ. סאָציאלע רעכט איז א מוז פאר דער נעזעלשאפט.

שפראכלעך געפינען מיר בא אנדערע נביאים אויסדרוקן פון עמוס. אפילו, דער קיסר פון דער נביאים־שפראך, ישעיהו נוצט עמוסעס אויסדרוקן. עמוסעס „געפאלן, אף מער ניט אופצושטיין, די יידישע יונגפרוי" (ה, 2) באנוצט ישעיהו שוין ניט נאָר פאר דער יידישער יונגפרוי, נאָר פאר דער גאנצער וועלט (כד, 20).

ירמיהו נעמט בא עמוסן די פאָרמע פון דער נביאישער װענדונג.

גאָט פרעגט דעם נביא: „וואָס זעסטו?!"

דער נביא ווייזט אָן קאָנקרעט, וואָס ער זעט מיט די

אויגן (אַ קאָרב מיט האַרבסט־פּרוכטן... אָדער אַ מאַנדל צווייג...)

דעמאָלט דערקלערט אים גאָט דעם באַטייט פון דאָס קאָנקרעטעס, עפּעס אויף דעם סימבאָל. (עמוס ז׳3, ח׳ 2 און ירמיהו א׳ 11, כד׳ 3).

דער ווערטער־שפּיל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די נביאים, געפינען מיר שוין בא עמוסן. אָבער דאָס איז ניט דער מאָדערנער ווערטער־שפּיל, וועלכער איז געבויט נאָר אויף דער ענלעכקייט פון די קלאַנגען, נאָר דער נביא עפּנט פאַר אונדז אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס, וואָס פאַרבינדט די טענער פון שפּראַך מיט די שטראַלן פון דער מענטשלעכער אויג, פון זעען.

עמוס, למשל, פאַרפאָלגט דעם געדאַנק פון האַרבסט, פון ענדע, קץ, וואָס מוז קומען אויף דער זינדיקער שלעכטער געזעל־שאַפט. דער געדאַנק פאַרנעמט אים, דרינגט דורך אַלע זיינע חושים און דעמאָלט דערזעט ער פאַר זיך אַ קאָרב מיט האַרב־סטיקע, ענדעזומערדיקע פּרוכט (כלוב קיץ). דעמאָלט פאַרפאָלגט אים שוין דאָס בילד. אויף דעם נביאס שפּראַך—יהוה באַווייזט אים—די האַרבסטיקע פּרוכט שטייען אים פאַר די אויגן און צוזאַמען קלינגט דעם נביא אין די אויערן — ענדע, קץ — די ענדע, דער קץ מוז קומען.

דאָסזעלבע געפינען מיר בא ירמיהון מיטן מאַנדל־צווייג.

אַזוי פירט אונדז אַריין דער נביא אין לאַבאָראַטאָריע פון נביאות, עפּנט פאַר אונדז די טיפסטע, איידלסטע מענטשלעכע אי־בערלעבונגען.

און ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז געווען איז דאָס אַן אוראַל־טער, פאַרהאַרטעוועטער באַסטעך, וואָס האָט זיך דערנערט מיט ווילדע פייגן, בלייבן מיר דערשטוינט.

ווי דער ערשטער נביא־שריפטשטעלער, האָט עמוס געהאַט פאַר זיך אַן אויפגאַבע צו געפינען אַן אויסדרוק פאַר דעם צושטאַנד פון מענטשלעכע איבערלעבונגען, וואָס הייסט נבואה, געפינען אַ שפּראַך פאַר נביאות.

די אויפגאַבע האָט עמוס אויסגעפירט.

# דער נביא מיכה.

דאָס איז געווען איינער פון די גרויסע נביאים, לויט זיינע הויכע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. אונדז איז געבליבן פון מיכהס נביאות זיבן קליינע קאַפּיטלעך. דערפון ווילן נאָך די תנ״ך־פאָרשער אָראָפּרעכענען דעם טייל, וואָס ליגט אונטער אַ ספק, אויב ס׳איז אָריגינעל מיכהס אָדער נאָר צוגעשריבן צו זיין נאָמען און באמת צוזאַמענגעשטעלט שפּעטער. אַזוי האָט געטראָפן אויך מיט אַנדערע ביכער פון די נביאים. די באַדייטונג אָבער פון די עטלעכע קליינע קאַפּיטלעך איז ווייט ניט צו מעסטן מיט זייער כמותדיקן גרויס.

אונדז פעלן גענויע ביאָגראַפישע שטריכן וועגן מיכהן. אויך אַזוי ווי עמוס איז ער, ווייזט אויס, אַ זון פון פּראָסטן פאָלק. ער שיינט צו זיין אַן ערדאַרבעטער, בא וועמען דער אידעאַל פון זיצן „אונטערן ווייַנשטאָק און פייגנבוים״, איז דער אידעאַל פון רו און ווילטיק. ער פאַרורטיילט די גרויסע שטעט מיט זייערע סאָציאַלע עוולות. אויך דאָ איז ער דער פאָרזעצער פון עמוסן קעגן די שטעטישע גבירים. מיכה איז דער נביא קעגן „שומרון און ירושלים״.

מיכה האָט געלעבט אַרום זיבעטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס געבורט, אומגעפער אין דערזעלבער צייט, וואָס דער נביא ישעיהו. איבערגעלעבט דיזעלבע פּאָליטישע געשעענישן, דעם אונטערגאַנג פון אפרים, דעם אָנפאַל פון אשורן אַף יהודה. דאָך פילט

זיך אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די צוויי נביאים. אָפטמאָל אפילו אַ קעגנזאַץ. ישעיהו האָט געהערט צו די הערשנדע קרייזן אין לאַנד, געווען נאָענט צום קיסר, געשאַפן די פּאָליטיק פון יהודה. מיכה, פאַרקערט, שטורעמט די הערשער. „די קעפּ פון יעקב, די הארן פון ישראל". ער האלט אין איין פאָרויסזאָגן דעם אונטער-גאַנג פון ציון און ירושלים.

די צעטיילונג פון אפרים און יהודה שאַפט ניט ביים נביא קיין וואַנט צווישן די ביידע לענדער. ביידע זיינען זינדיק, ביידע שלעכט און זיינען גלייכע יחסנים:

ווו שטעקט יעקבס זינד?

— אין שומרון.

ווו געפינט זיך יהודהס געצנדינעריי?

— אין ירושלים.

דער וויכטיקסטער פונקט פון מיכהס נביאות איז די אַל-וועלטלעכע צוקונפט-האַרמאָניע פון אייביקן פרידן, פון והיה באחרית הימים. דער אידעאַל, וועלכער איז ביז היינט געבליבן ניט צו דערגרייכן.

די שווערדן וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַקערס,

די שפּיזן אין שניידמעסערס.

קיינער וועט מער ניט אויפהויבן זיין שווערד

אף מלחמה צו האַלטן.

רויק חעט זיך יעדער זיצן

אונטער זיין ווייַנשטאָק

און אונטער זיין פייגנבוים.

אַ פולקומע אָנטוואָפענונג. אַ טעכנישע דעמאָבּיליזאַציע, און די געווער וועט מען פאַרנוצן אף פּראָדוקטיווע צוועקן.

מען וועט זיך נאָרניט לערנען מלחמה האַלטן, דאָס הייסט — גאָר אַנדערש איבערדערציען די מענטשהייט!

היינטיקע פאָרמעס פון פעלקער-בונד, דער אינטערנאַציאָנאַל, די אידעען פון פאַן-אייראָפּע זיינען פיל בלייכער און זיינען פאַ-ליאַטיוון אין פאַרגלייך מיטן נביאס צוקונפטס-האַרמאָניע.

די נבואה פון אַלגעמיינעם פרידן, דעם „והיה באחרית

הימים" געפינען מיר אויך בא ישעיהון, אויסגעדריקט מיט דיזעל־בע ווערטער, וואָס מיכה. ווער פון זיי איז דער פּאַרפּאַסער און ווער דער פּאָפּולאַריזאַטאָר איז שווער צו זאָגן. מעגלעך, אַז צוליב דער געפאַר, איינגעשלונגען צו ווערן פון די גרויסע וועלט־מלוכות, האָבן זיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן בא יידן אַזעלכע אידעען.

דאָס דאָט געקענט זיין אַזא פּאַציפיסטישע פּראָגראַם, א סין אינטערנאַציאָנאַלער מאַניפעסט.

אַנדערע תנ"ך־פאָרשער מיינען, פאַרקערט, אַז די אוראַלטע צייט איז ניט געווען מסוגל פאַר אַזעלכע געדאַנקען און זיי גע־הערן ניט ישעיהון און ניט מיכהן, נאָר א שפּעטערדיקער צייט, און די רעדאַקטאָרן פון תנ"ך האָבן עס צוגעשריבן צו די ביכער פון די נביאים.

בא מיכהן געפינען מיר נאָך דאָ אַריינגעפלאָכטן די אידעען פון גייסטיקער טאָלעראַנץ:

— יעדער פאָלק וועט גיין אין נאָמען פון זיין גאָט און מיר וועלן גיין אין נאָמען פון אונדזער גאָט—יהוה ביז אייביק.

פאַר דער אַלטער וועלט פון אָריענט איז אַזא אידעע באמת א דערפינדונג, א וועלט־איבערקערעניש. יעדער פאָלק בלייבט בא זיינע איינגנשאַפטן, בא זיין גאָט. און פירט ניט מיט קיינעם קיין מלחמה. דער גרויסער און שטאַרקער שלינגט ניט אַריין דעם קלענערן און שוואַכערן, נאָר אַלע לעבן זיך איין, שאַפן אַ פעלקער־האַרמאָניע.

אָן ווייטיק און פאַרדרוס, נעמט מיכה אָן די ראָלע פון יידישן פאָלק ניט צו זיין א שטאַרקע מלוכה, אַפילו ניט קיין גרויסער פאָלק.

ווי יעדער נביא, איז מיכה קודם כל דער ריטער פון אמת, גערעכטיקייט. ווי עמוסעס א געטרייער תלמיד נעמט ער זיך אָן פאַרן שוואַכן, געפינט שאַרפע האַרבע ווערטער פאַר די מאַכט־האָבער. דער באַגריף פון געזעץ, וועלכן אַלע מוזן זיך אונטער־וואַרפן, איז אַרויסגערוקט קלאָר און בולט.

— וואָס האָבן באַראַפט וויסן די קעפּ פון יעקב, די האַרן פון ישראל? פרעגט מיכה, און דער ענטפער איז: — קודם כל דעם געזעץ. וואָס טוען זיי אָבער באמתן?

באַם פאָלק שינדט מען די הויט,
די ביינער צעברעכט מען אים,
ווי פלייש אין טאָפּ צום קאָכן,
צעשניידט מען אים.

דאָ פילט איר ממש דעם ווייטיק פון נביא. אַזוי ווי ער פערזענלעך וואָלט געווען דער געליטענער פון ישראלס האַרן, פון יעקבס קעפּ.

מיכה איז געווען דער נביא, וואָס האָט געפרווט קאָנקרעט אָנווייזן, אין וואָס באַשטייט דער אידעאַל פון מענטשן, ווי זאָל מען זוכן דאָס פּאָזיטיווע באַם מענטשן.

הגיד לך אָדם מה טוב. — וואָס הייסט גוטס באַ מענטשן?

דער ענטפער איז דערזעלבער: דער יושרדיקער געזעץ, דאָס האָמעווען זיך צווישן, צוליבן געזעץ.

מיכה זאָגט אָפן, אַז אים איז טייערער די גערעכטיקייט, די יושרדיקע באַציונג צווישן מענטשן מער, ווי די גרויסקייט פון דער מלוכה. שוין דעמאָלט האָבן די נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטן געהאַט פּאַשיסטישע טענדענצן: וויכטיק איז דער אויפבוי פון דער מלוכה. פאַר דעם ציל זיינען אַלע מיטלען כשר. באַ מיכהן זיינען די ערגסטע מענטשן די „בוני ציון בדמים וירושלים בעולה", די וואָס בויען אויס ציון מיט בלוט און ירושלים דורך עוולות. מיכהס צאָרן און פאַרדראָס איז געווענדעט קעגן די, וואָס טוען אָפּ זייערע פאַרברעכנס פאַרן ליכט פון פרימאָרגן, אומפאַר־שעמט, ווייל די מאַכט איז אין זייערע הענט.

מיכה געהערט צו די איינצעלנע נביאים, וואָס דערמאָנען משהן. נאָר ווען ירמיהו דערמאָנט משהן, ווי אַ רעליגיעזן פירער צוזאַמען מיט שמואלן, פאַרשטייט מיכה משהן ווי דעם היסטאָ־רישן פירער פון אַ פאָלק. ער דערמאָנט אויך די שלעכטע זייטן פון די יידישע מלוכה־מענער. די מעשים תעתועים פון אחאבס פאַמיליע קען מיכה ניט פאַרשווייגן.

אויך ווי אַנדערע אמתע נביאים, איז מיכהן אויסגעקומען צו קעמפן מיט די פאַלשע נביאים. וועלכע האָבן זיך אין אַלע ציַיטן געחנפט צו די שטאַרקע, צו די מאַכטהאָבער, געפירט אַ קורצזיכטיקע פּאָליטיק. מיטן באַוווּסטזיַין און שטאָלץ פון זיַין אידעאַל שטעלט זיך מיכה פעסט קעגן אַזעלכע נביאים:

אַזוי זאָגט יהוה:
וועגן די נביאים=פאַרפירער,
וואָס ביַיסן זיך מיט די ציינער
און מיטן צונג ריַידן זיי וועגן פרידן.
ווער עס גיט זיי אָבער ניט אין מויל אַריַין,
קעגן יענעם גריַיטן זיי אַ מלחמה!
נאָר געטריבן פון געטלעכער קראַפט
האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און דריַיסט
צו זאָגן יעקבן, ווי שלעכט ער איז,
דערציַילן ישראלן וועגן זיַינע זינד!

מיכה איז דער איינציקער נביא, וועלכער ווערט ציטירט, אומגעפער, אין הונדערט יאָר אַרום, דורך ירמיהון. אין אַלגעמיַין איז צו באַמערקן, אַז די נביאים ריַידן ניט וועגן אַנדערע נביאים. מיכהן אָבער דערמאָנט ירמיהו און דאָס ביַי אויסטערלישע באַדינגונגען: ווי אַ פאַרטיַידיקונג=מאַטעריאַל אין אַ פּראָצעס קעגן אים, ירמיהון.

אין זיַין בוך (כו' 8—20) דערציַילט ירמיהו, אַז נאָכ=דעם, ווי ער האָט אין הויף פון בית המקדש געהאַלטן זיַין נביאישע רעדע, געמוסרט דאָס פאָלק און פאָרויסגעזאָגט דעם חורבן פון לאַנד, האָבן אים אָנגעכאַפּט די כּוהנים, נביאים און פאָלק, איבערגעגעבן צום געריכט מיט דער באַשולדיקונג:

— פאַרוואָס האָסטו, אין יהוהס נאָמען, געזאָגט, אַז די הויז וועט זיַין ווי שילה און די שטאָט וועט פוסט ווערן?

ירמיהון האָט געוואָרט אַ טויט=אורטייל. דעמאָלט האָבן זיך געפונען פאַרטיַידיקער, אַלטע לייט, וועלכע האָבן דערציַילט, אַז אין חזקיהוס ציַיטן איז געווען אַ נביא מיכה. וועלכער האָט גע=רעד'ט דיזעלביקע רייד, דיזעלביקע נבואה. האָט מען אים ניט נאָר

ניט געטויט, נאָר מען האָט זיך צוגעהאָרכט צו זיינע רייד, פאַר־בעסערט זיך און אַזוי אויסגעמיטן דאָס שלעכטס. דערביי האָט מען ציטירט בוכשטעבלעך מיכהס ווערטער:

„ציון וועט פאַראַקערט ווערן, פון ירושלים וועט ווערן פוס־טע בערגלעך, דער באַרג פון דער הויז וועט פאַרוואַקסן מיט וואַלד”.

דיזעלבע ווערטער ברענגט מיכה אין זיין בוך אין דריטן קאַפּיטל, 12.

אַ זעלטענער דאָקומענט פון עכטקייט און אָריגינאַליטעט פון מיכהס נבואה!

דאָ איז נאָך כאַראַקטעריסטיש די מיינונג, אַז די נביאים זאָגן ניט פאָרויס אַ באַשטימטע, פעסטגעשטעלטע צוקונפט, נאָר שטעלן געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישע פאָדערונגען, פון וועלכע די צו־קונפט איז אָפּהענגיק. דאָס איז ניט דער אַלטער בלינדער מזל אָדער גורל, נאָר דער באַוווסטזיין פון דער מענטשלעכער געשיכ־טע. אין דעם גייסט איז פאַרשטאַנען געוואָרן מיכהס נבואה און זיינע רייד האָבן געקלונגען אין די אויערן נאָך מיט הונדערט יאָר שפּעטער.

איינע פון די ווינציקע נביאות, וועלכע מען האָט ריכטיק פאַרשטאַנען און זיך צוגעהערט.

אין באַגריף וועגן גאָט, וועגן יהוה, טראָגט יעדער נביא אַריין אַ באַזונדער שאַטירונג, זיין ניואַנס. בײַ מיכהן איז יהוה ניט נאָר אַלמעכטיק און בייז, נאָר אָפט גוט, מילד און מער מענטש־לעך. צו זיין פאָלק ישראל קומט ער ניט נאָר מיט שטרענגע פאָדערונגען, נאָר שטעלט זיך אין דער לאַגע פון אַ באַליידיקטן, פון אַ באַעוולטן דורך זיין פאָלק. היסטאָריש זיינען די יידן ניט דאַנקבאַר פאַר די טובות, וואָס יהוה האָט געטאָן מיט זיי און גאָט רופט די יידן צום משפט, ווי אַ גלייכער אַ גליכן.

איר בערג, הערט זיך איין!
יהוה האָט אַ קריג מיט זיין פאָלק
אַ חיכּוח מיט ישׂראל.
זאָג מיר, מיין פאָלק,
וואָס האָב איך דיר אָזוינס געטאָן!
ענטפער מיר,
מיט וואָס האָב איך דיר אָפּגעשוואַכט!
פון מצרים דיר אַרויסגעצויגן
פון קנעכטהייט אויסגעלייזט!

די איידעלע, אָנגעווייטיקטע, ליריש־איינגעהאַלטענע טענער געהערן, לויט דער מיינונג פון איניקע תּנך־פאָרשער, צו די צייטן פון קיסר מנשה, ווען יהוהס נביאים האָט מען שרעקלעך פאַר־פאָלגט. ווייער לאַגע איז געוואָרן אַ געפערלעכע, ווי זיינען געוואָרן אומגלעגאַל און פון טיפן האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן דער חיי־געשריי.

מיכהס פּאָעזיע איז קלאָר, איידל און פאַרביק. פאַר יהוהס קריוודע נעמען זיך אָן די אַרומיקע נאַטור, די בערג, די טאָלן. דער נביא וויינט ווי די שאַקאַלן, טרויערט ווי די שטרויסן. ער האָט ליב דעם שפּיל פון ווערטער. ער איז באַקאַנט מיט דער אַלטער פאָלקס־פּאָעזיע און דער אַל תּגידו בגת ווערט אין נביאס מויל צוריק לעבעדיק, ווען דער אומגליק איז גרויס און דערביי מוז מען זיך אָבער קנייפּן די באַקן.

# ירמיהו.

# די פּאָליטיש־רעליגיעזע געשיכטע פון יהודה אין ירמיהוס צייטן.

דער קגויל פון די פּאָליטישע און רעליגיעזע געשעענישן אין ירמיהוס צייט האָט זיך פאַרוויקלט נאָך מיט הונדערט יאָר פריער, אין די צייטן פון אַשורס הערשאַפט איבער יהודה.

נאָך פאַרן אונטערגאַנג פון מלכות אפרים דורך אַשורס האַנט אין 722 פאַר קר. געב., איז יהודה אַרונטערגעפאַלן אונטער אַשורס יאָך און נאָר מיט אונטערגעבנקייט און טרייהייט צו אַשורן האָט זיך יהודה געקויפט אַ מעגלעכקייט צו עקסיסטירן ביז אַשורס פאַלן.

נאָך אַן אויבערפלעכלעכן לייענען פון תנ״ך, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז נאָכדעם ווי דער העלדישער קיסר פון אשור סנחריב האָט צופעליק אָפּגעלאָזן די באַלאַגערונג פון ירושלים אין חזקיהוס צייטן, אין 701 פאַר קר. געב., האָט יהודה געפירט אַ זעלבשטענדיקן לעבן.

דאָס איז אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. חזקיהוס זון מנשה, וואָס האָט געקיניגט נאָך אים, איז געווען אַשורס אַ געטרייער וואַסאַל, די הערשער פון אשור אין יענער צייט אַשור־באַראַן און אַשור־בן־בעל האָבן שוין געמוזט פירן מלחמות מיט בבל און מצרים, אָבער מנשה איז געבליבן געטריי צו אשור.

די העכער 50 יאָר פון מנשהס קיניגין זיינען געווען די צייט נאָר פון פּאָליטישער, נאָר אויך פון רעליגיעזער און קולטורעלער הערשאַפט פון אַשור איבער יהודה.

דאָס איז די צייט פון דער רעליגיעזער רעאַקציע. אויב אַשור איז שטאַרקער פאַר יהודה, הייסט עס, אַז די געטער פון

אשור. זיינען שטאַרקער פון יהוהן, און אין יהודה האָט מען זיך נעפּוקט צו די אַשורישע געטער, צו דער זון, צו דער לבנה. איבערן גאַנצן לאַנד האָט מען אָנגעשאָטן בערגלעך (במות) צו ברענגען אַף זיי קרבנות. אין בית המקדש האָט מען אַריינגע־שטעלט פערד מיט רייטוואָגענער, ווי אַן אָפּגאָט צו דער זון. אין יהוהס הויז האָט מען אויסגעטיילט באַזונדערע צימערן פאַר דער פאַרהייליקטער הורעריי (קדשה). וואָס איז געווען געווידמעט דער געטין אישטאַר, (אשרה), אפילו די אייגענע קינדער האָט מען מקריב געווען פאַרן אַשורישן מאָלאָך (מלך).

די אַשורישע קולטור האָבן יידן אַריבערגענומען אַף אַלע געביטן. די לאַנגע קליידער פון די אַשורים האָבן אָנגעטאָן לכתחילה די כוהנים און די האַרן, און דערנאָך איז די מאָדע אַריבער צום פאָלק. די פאָרשטעלונגען וועגן באַשאַפן די וועלט האָט מען איבערגענומען פון אַשורישע מעשהלעך. מענלעך, אַז דעמאָלט האָבן זיך שוין די יידן באַקאָנט מיטן אַשורישן (פּירז־קאַנטיקן) שריפט, וועלכן מען האָט פיל שפּעטער אַריינגעפירט בא יידן.

דעם קיסר מנשהס צייטן זיינען געווען די אומגליקלעכסטע פאַר די נביאים, ס'זיינען אַנטשווינן געוואָרן די לעצטע אַקאָרדן פון ישעיהוס הימלישער מוזיק, און די נביאים זיינען געוואָרן מאַרטירער.

א יידישע מעשהלע דערציילט, אַז אין מנשהס צייט איז ישעיהו אַנטלאָפן אין אַ וואַלד. דאָרט האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַן אויסגעלעכערטן בוים. זיינע פאַרפאָלגער האָבן איבערגעזעגט אַלע ביימער אין וואַלד און אַזוי אויך צעזעגט ישעיהון.

ירמיהו שרייבט וועגן דער צייט. אַז דער שווערד האָט אויפגעגעסן די נביאים, ווי אַ לייב, אַ משחית.

דער ספר דברים, וואָס איז געפונען געוואָרן שפּעטער, אין יאשיהוס צייטן, איז, לויט קיטעלס מיינונג, אַ ווערק פון די פאַר־פאָלגטע נביאים אין די צייטן פון מנשהן.

ירמיהוס קינדהייט איז פאַרביינגאַנגען אין די צייטן פון

די פאַרפאַלגונגען קענן די נביאים און דערמיט איז צו דערקלערן די באַזונדערע אָנגעשטרענגטקייט, די קריגערישע געפילן באַם באַשטימען דעם יונגן ירמיהון פאַר אַ נביא. ירמיהו האָט מורא, שרעקט זיך פאַר דעם באַרוף, און יהוה שטאַרקט אים, מוטיקט, ער זאָל זיין פעסט ווי אייזן, ווי מויער שטאַרק קעגן זיינע פיינט. נאָר דעמאָלט וועלן די מלכים און האַרן פון יהודה, די כּוהנים און דאָס פאָלק ניט בּייקומען דעם נביא אין זייער מלחמה מיט אים.

ירמיהוס ערשטע נביאות זיינען געווענדט קעגן געצנדינעריי, קעגן נאָכמאַכן פרעמדע קולטן. אין די צייטן פון ירמיהוס יוגנט, אין די ערשטע פינף יאָר פון זיין נביאות, ביז יאשיהוס רעלי־גיעזער רעוואָלוציע, איז ירמיהו נאָך געווען אַן עדות פון דעם פאַרשפּרייטן אַשורישן קולט אין יהודה. מיט אַ יוגנטלעכער התלהבות איז ירמיהו אַרויסגעטראָטן קעגן דער געצנדינעריי. ער מאָנט בּאַ די יידן יהוהס קריוודע, און די ערשטע קאַפּיטלעך פון ירמיהוס בּוך האָבן צו טאָן מיט דער געצנדינעריי.

— פאָרט אויס די קיטער אינזלען,
פאַרשטענדיקט זיך מיט קדר,
ערגעץ וואָס איר ניט געפינען,
אַ פאָלק זאָל זיין גאָט בּייטן.
מיין כּבוד אָבער האָבן זיי אויסגעבּיטן,
און דאָס נאָר ניט אויף קיין גאָט!

ציטערט און שווינדערט, איר הימלען!
ווּנדערט איבּער דעם דאָפּלטן פאַרבּרעכן,
וואָס מיין פאָלק האָט אָפּגעטאָן.
מיר, דעם לעבּעדיקן קוואַל, האָבן זיי פאַרלאָזן
און פאַר זיך אָנגעגראָבן ברונעם־ברונימער גענראָבן,
בּרונימער, וואָס קענען דאָס וואַסער ניט אופהאַלטן.

ווי אַ גנבֿ, ווען מען כאַפּט אים,
אַזוי ווערט פאַרשעמט ווערן ישראלס הויז.
זײַנע מלכים און האָרן,
כּוהנים און נבֿיאים.
ווײַל אַ שטיק האָלץ איז בײַ זיי אַ פֿאָטער
און אַ שטיין האָט זיי געבאָרן.

דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געגליכן צו אַ יונגע ווילדע קע־מעלין, וואָס פֿאַרוואַרפֿט אירע טריט. נאָר פֿרעמדע האָט זי ליב און נאָך זיי לויפֿט זי נאָך. פֿרעמדע וואַסער זוכן די ייִדן צו טרינקען, אין מצרים די וואַסערן פֿון טײַך שיחור, אין אַשור די וואַסער פֿון פּרת (ירמיהו ב׳ 18).
און ירמיהו רופֿט די ייִדן אומקערן זיך, גיין צוריק אין ידוהס וועגן. זײַן רוף איז אַ האַרציקער, אַ רוף פֿון אַ פֿאָטער צו אַ פֿאַרוואָגלטן זון.
נאָך מנשהן איז געוואָרן אַ קיסר זײַן זון אָמון, וועלכער איז אויך געווען צוגעטאָן אשורן. נאָך צוויי יאָר פֿון זײַן קיניגן, איז פֿאָרגעקומען אין ירושלים אַ הויף־איבערקערעניש, און מען האָט אָמונען דערהרגעט. קיינע קלאָרע באַווײַזן פֿון די סיבות פֿון אָמונס מאָרד זײַנען ניטאָ, אָבער עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די כּוהנים און יהויסטן האָבן צו דעם צוגעלייגט אַ האַנט.
דאָס פֿאָלק האָט געקרוינט דעם אַכטיאָריקן יאשיהון, וועלכער האָט זיך געפֿונען אונטער דער איפּוזיכט פֿון די כּוהנים. 31 יאָר איז יאשיהו אָפּגעווען אַ קיסר, און פֿאַר דער צײַט זײַנען פֿאָרגע־קומען די וויכטיקסטע אויסערלעכע און אינערלעכע געשעענישן.
אין צווייטן האַלבן פֿון זיבעטן יאָרהונדערט האָט אשורס שטערן גענומען פֿאַלן. צוויי וויכטיקע סיבות האָבן דאָס מיטגעבראַכט. דאָס ערשטע איז דאָס, וואָס פֿון אשור זײַנען אָפּגעפֿאַלן מדי און בבל און דאָס צווייטע איז דער אָנפֿאַל פֿון די סקיטן (אשכנזים).
נאָכדעם ווי די מידער און בבלים האָבן זיך פֿאַרייניקט, כּדי מיט דערפֿאָלג מלחמה צו האַלטן מיט אשור, האָט אויך מצרים

אופגעהויבן דעם קאָפּ. אין יהודה האָט מען דערפילט, אַז די וועלט־מאַכט פון אשור צעפאַלט, און יאשיהו איז געווען גערן צו מאַכן זיין מלוכה ווידער זעלבשטענדיק. צו דעם, אַז אשור זאָל אינ־גאַנצן צעפאַלן און די וואָסאַלע מלוכות זאָלן ווערן זעלבשטענ־דיק, האָבן נאָך מיטגעהאָלפן די סקיטן. דאָס איז געווען אַ ווילד פאָלק, וואָס איז אָנגעפאַלן פון צפון אַף פאָרדער־אַזיע און איר צע־רויבט און פאַרברענט. אַ סך פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטער אשור, זיינען אויסגעראָטן געוואָרן, און קיינער האָט זיי ניט גע־קענט באַשיצן.

אין יהודה זיינען די סקיטן אָנגעקומען אומגעפער אין 627 יאָר פאַר קר. געב. און דערגאַנגען ביז ירושלים. אַנדערע היסטאָ־ריקער מיינען, אַז זיי האָבן אַפילו צערויבט די הויפּטשטאָט.

בעתן אָנפאַל פון די סקיטן האָט זיך דאָס פאָלק פאַרלאָרן. קיינער האָט ניט געהאָפּט גאַנץ צו בלייבן, און אויך דער יונגער ירמיהו האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער סוף פון לאַנד און ניט נאָר פון דער אייגענער לאַנד. „דער צערייצטער לייב פון צפון פאַרדאַרבט פעלקער. ציגדט אונטער שטעט, דער טרויער און קלאַג פאַרשפרייטן זיך, בײַ די קיסרים און האַרן צעגייט די האַרץ פאַר שרעק".

ירמיהו מאָלט בילדער פון די ווילדע סקיטן, פון זייער שנעלקייט: „זייערע רייטוועגן קומען אָן, ווי אַ שטורעם־ווינט. זייערע פערד זיינען פלינקער פון אָדלערס."

איך הער דעם מלחמה־שופר,
דעם ווילדן געשריי פון שלאַכט!
איך זע דעם כאָאָס פון דער וועלט:
די הימלען האָבן זייער ליכט פאַרלאָשן,
די בערג רוישן און די היגלען קרימען,
דער מענטש איז פאַרפאַלן געגאַנגען,
די פויגלען פון הימל זיינען פאַרוואָגלט.
פון כּרמל — אַ מדבר געוואָרן.

דאָס צערויבטע לאַנד איז געגליכן צו דער אויסגעלאָסענער פרוי, װעלכע װיל שטענדיק געפינען חן בײַם זיגער.

זי פּוצט און פאַרבט זיך,
אין זײַד און גאָלד צירט זי זיך.
אומזיסט: — ניט דײַן ליבע,
נאָר דײַן לעבן זוכט מען.
ניט דײַן קערפּער,
נאָר דײַן נשמה.

„יהוה זאָגט: עס קומט אַ פאָלק פון צפון. אַ גרויסע מאַסע ברעכט אויס פון ענדע װעלט, אַ בויגן און אַ שפּיז האַלטן זײ, זײערע שטימען רױשן, װי אַ ים, אױף פערד רײַטן זײ.

אָ, ציונס טאָכטער, אױף דיר גרײט אַ פאָלק אַ קריג. גרױ־זאַם איז דאָס פאָלק, עס װײס ניט פון רחמנות".

אָבער פּלוצלינג האָבן זיך די סקיטן אומגעקערט און אַװעק פון לאַנד. פון די חורבות, װאָס זײ האָבן נאָכגעלאָזט, האָט זיך אױפגעהױבן אַ נײַע זעלבשטענדיקע יהודה, און יאשיהו איז גע־װען איר װירדיקער קיסר.

נאָך די סקיטן, װעלכע האָבן זיך אַריבערגעטראָגן איבערן לאַנד, װי אַ שטורעם, האָט זיך אשורס מאַכט אין יהודה אײַנגאַנצן ניט געפילט. דעמאָלט איז געקומען די צײַט אױך פאַר דער אינערלע־כער רעפאָרם, אױך קולטורעל זיך צו באַפרײַען פון אשורס השפּעה. די־דאָזיקע קולטורעלע רעװאָלוציע האָט מיט גרױס דערפאָלג דורכ־געפירט יאשיהו מיט דער הילף פון די כּוהנים און נביאים. מען האָט געמאַכט אַ סוף צום אשורישן קולט און זיך צוריק אומגע־קערט צו יהוהן. פון בית המקדש האָט מען אַרױסגעטראָגן די געצן און אַלץ, װאָס האָט נאָר דערמאָנט אַ פרעמדן קולט, קרבּנות האָט מען אײַנגאַנצן פאַרבאָטן צו ברענגען, אױסער אין בית המקדש. דערפאַר האָט מען געגעבן רעכט און אַרבעט די פּראָװינציעלע לוחים און כּוהנים צו קומען אין ירושלים און זיך אײַנאָרדענען אַרום בית המקדש. דאָס האָט קאָנצענטרירט די כּוהנים אין ירושלים. פון דער אַנדער זײַט איז אַװעקגעשטעלט געװאָרן איבערן גאַנצן

לאַנד אַ געריכט־אַדמיניסטראַציע. צום ערשטן מאָל איז קאַנאָניזירט געוואָרן אַ בוך — דער ספר דברים — און יהודה האָט באַקומען שריפטלעכע פעסטגעשטעלטע געזעצן, אין נאָמען פון יהוה, אין גייסט פון די נביאים.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען מיט פינף יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי די נבואה האָט זיך אַנטפּלעקט צו ירמיהון, נאָכדעם ווי ער האָט געשטורעמט דעם קולט פון געצנדינעריי, נאָכדעם, ווי ער האָט געמאָלט די פינסטערע בילדער פון דעם סקיטן־אָנגריף. איצט איז די פּראָגראַם פון די נביאים פאַרווירקלעכט, בכל אופן אויסערלעך האָט זיך אַזוי געקענט אויסדוכטן, און ירמיהוס נבואה איז טאַקע פאַר דער צייט שטילער געוואָרן.

13 יאָר האָט יאשיהו געלעבט נאָך דער קולטורעלער רעוואָלוציע, און קיינע קלאָרע אָנווייזונגען פון ירמיהוס נביאות פאַר דער צייט האָבן מיר ניט. אמת, פאַר דער צייט האָט שוין דער נביא דערזעען, אַז דאָס פאָלק און די כּוהנים האָבן נאָר אויסערלעך זיך אומגעקערט צום אַלטן גאָט. אינערלעך זיינען זיי געבליבן די זעלבע געצנדינער, די באַציונגען צו די סאָציאַלשוואַכערע עלעמענטן זיינען די זעלבע שלעכטע באַציונגען פון הערשער צו פאַרשקלאַפטע. דאָס אַלץ אָבער האָט ירמיהו אַרויסגעזאָגט ערשט שפּעטער.

פאַר דער צייט איז אויסגעוואַקסן אַ נייע גרויסע מאַכט — בבל. אין ענגן צוזאַמענבונד מיט די מידער האָבן זיי צוגענומען די לענדער, וועלכע האָבן פריער געהערט צו אשור. סיריע איז נאָך דערווייל געבליבן פריי. אַף איר האָט מצרים באַנייט די אַלטע פּרעטענזיעס. זי האָט אויך געוואָלט באַקומען אַ חלק פון דער צעפאַלענער אשור, און אין 608 פאַר קר. געב. (אין זעלבן יאָר, ווען עס איז געפאַלן די הויפּטשטאָט פון אַשור — נינעוויע) האָט פּרעה נעכאָ — דער הינקעדיקער — צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסן חיל און איז אַוועק דורך יהודה אַף צפון־מזרח.

יאשיהו האָט באמת געמיינט, אַז ער וועט קענען באַשיצן די זעלבשטענדיקייט פון יהודה און ער איז אַרויס מיט געווער קעגן

נעכאָן. נעכא האָט אָבער צעקלאַפּט דעם חיל פון יהודה, וואָס האָט זיך געשטעלט אין וועג, יאשיהון דערהרגעט און אַזוי איז יהודה נאָך אומדערוואַרט אַרונטערגעפאַלן אונטער מצרימס הער־שאַפט.

דאָ האָט זיך גלײַך אַרויסגעוויזן די אומגינסטיקע לאַגע פון יהודה. אַ קלײנע בופער־מלוכעלע, אַפן גרויסן וועג פון מצרים און מערב־אזיע, האָט יהודה ניט געקענט בלײַבן ווי אַ זעלב־שטענדיקע קראַפט. בבל, וואָס האָט פאַרטראָטן אשורן, ווי אַ וועלט־מלוכה, האָט נאָר אַזוי לאַנג געקענט דולדן יהודה, ווי לאַנג זי האָט געהאַט אין איר אַ געווער קעגן מצרים. דאָס זעלבע האָט אין יהודה געזוכט אויך מצרים — אַ געווער קעגן בבל, און אַזוי האָט זיך די קלײנע יידישע מלוכעלע געפונען צווישן צוויי פײַערן.

גלײַך נאָך יאשיהון האָט מען געקרוינט זײַן צווייטן זון יהואָחז, פאַרביַיגײענדיק דעם עלטערן יהויקימען, וועלכער איז שוין געווען באַוווּסט ווי מצרימס אָנהענגער. אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט פּרעה נעכא, אַפן צוריקוועג פון סיריע, אַרעס־טירט דעם קיסר יהואָחז און אים אַוועקגעפירט אין מצרים. אַפן טראָן אין יהודה האָט ער אַוועקגעזעצט זײַן טרײַען וואַסאַל יהויקים.

פון ירמיהון זײַנען [illegible]ז געבליבן עטלעכע ווערטער ווער־טער וועגן יהואָחזן. [illegible]ם איז נאָך געווען פריש די ווונד נאָך יאשיהוס טויט, אָבער דער נביא זאָגט, „מען זאָל ניט וויינען נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם, נאָר וויינען און קלאָגן דאַרף מען נאָך יענעם, וואָס גייט אַוועק... ווײַל אומקערן וועט ער זיך שוין ניט, זײַנע אויגן וועלן זײַן היים ניט זען״ (ירמיהו כב׳ 10).

יהודה האָט זיך אונטערוואָרפן מצרים ניט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויך קולטורעל. דאָס איז די צײַט פון דער רעליגיעזער רעאַקציע, וואָס דערמאָנט טײלווײַז די צײַטן פון קיסר מנשה, דאָ איז אַרויסגעטראָטן ירמיהו מיטן גאַנצן ברען און קראַפט פון זײַן נבואה. די עלף יאָר פון יהויקימס קיניגן איז די צײַט פון פאַרפאָלגונגען און רדיפות קעגן נביא און אין דער זעלבער צײַט

דער אומבליַ־פּעריאָד פון זײַן נבואה, די צײַט, וואָס האָט נענעבן ירמיהון שטאָף און ענערגיע אַרויסצוטרעטן קעגן קיסר, קעגן די מאַכטהאָבער, קעגן דער הערשנדער פּאָליטיק.

דאָס ערשטע האָט ירמיהו אַליין אַראָפּגעריסן די הײליקײט פון בית־המקדש. די קרבנות צו יהוהן פאַרדעקן גזילה און שלעכטס און זײַנען ניט בעסער, ווי קרבנות צו אַנדערע געטער, ער איז אויך פּערזענלעך קעגן די כּוהנים און נביאים, וואָס שטיצן אַזאַ פּאָליטיק. זײַן רעדע איז טויער פון בית־המקדש פאַרן גאַנצן פאָלק איז אַ בײַשפּיל פון דרײסטן וואַרפן די מאַכטהאָבער דעם ביטערן אמת אין פּנים אַרײַן.

יהוה האָט געהײסן ירמיהון: גײ שטעל זיך אין טויער פון יהוהס הויז און דאָרטן זאָלסטו זאָגן:

איר אַלע ייִדן, וואָס קומען אין די דאָזיקע טויערן בוקן זיך צו יהוהן, הערט צו מײַנע רייד!

אַזוי זאָגט דער גאָט פון ישראל:

בעסערט אויס אײַערע מעשים, פאַרריכט אײַערע וועגן, וועל איך אײַך לאָזן לעבן אַף דעם אָרט. פאַרלאָזט זיך ניט אַף די פאַלשע רייד:

יהוהס פּאַלאַץ! יהוהס פּאַלאַץ!! יהוהס פּאַלאַץ!!!

נאָר אויב איר וועט צווישן זיך ריכטיק משפּטן, אַ פרעמדן, אַ יתום, אַן אלמנה ניט באַרויבן, אומזיסטע בלוט ניט פאַרגיסן, נאָך פרעמדע געטער ניט נאָכגײן — נאָר דעמאָלט קענט איר אײביק רוען אין דער לאַנד, וואָס איך האָב געשאָנקען אײַערע עלטערן.

איר אָבער גנבעט, גזלט, נואפט, שווערט פאַלש, גײט נאָך פרעמדע געטער. דערנאָך קומט איר אַהער, שטעלט זיך פאַר מיר אין דער הויז, וואָס טראָגט מײַן נאָמען, און טראַכט בײַ זיך, מיר זײַנען געזיכערט!

וואָס איז דען געוואָרן פון מײַן הויז, וואָס טראָגט מײַן נאָמען? — אַ הײזל פאַר פאַרברעכער איז מײַן הויז געוואָרן!

גײט דאָך אין שילה, אין דעם אָרט, וואו מײַן נאָמען האָט

צום ערשטן גערוט און זעט, וואָס איך האָב געמאַכט פון דאָרטן צוליב די שלעכטס פון מיין פאָלק ישראל!

און איצט, ווייל איר טוט אָפּ די אַלע מעשים, און איך רייד און רייד צו אייך, און איר הערט נים, איך רוף, און איר ענטפערט ניט, וועל איך אויך פון דערדאָזיקער הויז, וואָס טראָגט מיין נאָמען, מאַכן דאָסזעלבע, וואָס איך האָב געמאַכט פון שילה. איך וועל אייך אָפּוואַרפן פון זיך, ווי איך האָב פאַרוואָרפן אייערע ברידער, די קינדער פון אפרים (ירמיהו ז׳ 15—1).

אַמאָל האָט עמוס אַרויסגעזאָגט, אַז יהוה אַליין איז דער, וואָס וועט אומברענגען זיין פאָלק, די געשיכטע אַליין וועט דער־צו פירן. די נביאים נאָך אים האָבן זיך געהאַלטן אָן דעם גע־דאַנק. אָבער אַזוי קלאָר און שאַרף, אין בית־המקדש גופא, פאַרן גאַנצן פאָלק, האָט דאָס קיינער נים געמאָן ביז ירמיהון. ער האָט גייסטיק חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, אים אונטערגע־צונדן מיט צוואַנציק יאָר פריער, איידער ער האָט באמת אָפּגע־ברענט. און דאָס טוט דער נביא!

פון איצט אָן איז ירמיהו אַ געפערלעכער רעוואָלוציאָנער, אַ קעגנער פון דער מאַכט און מאַכטהאָבער.

אין עטלעכע יאָר אַרום, נאָכדעם ווי יהויקים איז געוואָרן אַ קיסר, אין 604 פאַר קר. געב., האָט דער יונגער העלדישער פירשט פון בבל, נבוכדנאצר, צעקלאַפּט דעם מצרישן חיל בא כרכמיש (משיראקים). די מפלה פון מצרים בא כרכמיש האָט באַוויזן, אַז אין קאַמף פאַר דער וועלט־הערשאַפט צווישן בבל און מצרים, וועט בבל נעמען די אויבערהאַנט. פון איצט אָן האָט פרעה־נעכא מורא געהאַט אַרויסצושטעלן זיינע פּרעטענזיעס אויף סיריע, יהודה איז אָפיציעל אונטערגעפאַלן בבל. יהויקים איז אָבער געבליבן געטריי מצרים און געזוכט אַ מעגלעכקייט אָפּצו־פאַלן פון בבל.

דאָ האָט ירמיהו אַרויסגעוויזן זיין גלענצנדן פּאָליטישן טאַ־לענט. פון אָנהייב אָן איז ירמיהו געווען אַ קאָנסעקווענטער אָנהענגער פון בבל, קיין איין מינוט נים געגלויבט אין מצרים און פאַרשטאַנען, אַז ראַטעווען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק קען

מען נאָר אין טריער אומטערטעניקייט צו בבל. ירמיהו האָט פאָראויסגעזאָגט דעם אויסגאַנג פון דער שלאַכט בײַ כּרכּמיש און גערופן זיך האַלטן אָן בבל.

מען האָט זיך צעטײלט אויף צוויי פּאַרטייען, די טערהײמס. די קריגס-פּאַרטײ צוזאַמען מיט די כּוהנים, נביאים האָבן געהאַלטן, אַז יהודה מוז זײַן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה און דאָס קען מען דערגרייכן נאָר אין קאַמף מיט בבל. קענען זיי ווידער איז געשטאַנען ירמיהו מיט אייניקע טרייע יהודים. פאַרבאַהאַלטענע פרײַנט און אָנהענגער האָט ירמיהו געהאַט אויך צווישן די הויף-לײַט.

נאָכן שלאַכט בײַ כּרכּמיש איז ירמיהו געוואָרן בײַ זיך זיכער, דערפילט אין זײַן נבואה אין אייביקן אמת און געהייסן זײַן געטרייען אָנהענגער און איבערגעגעבענעם פרײַנט ברוך, נריהס זון, פאַרשרייבן זײַנע נביאות אויף אַ מגילה.

ברוך האָט דאָס פאַרשריבן און פאַרגעלייענט אין בית-המקדש פאַר די הויף-לײַט, פאַר דעם קיסרס מקורבים. ירמיהו האָט אין אַ פּאָעטישער פאָרעם, מיט קלאָרע פאַרבן פאַנאַנדערגעוויקלט אַ בילד פון די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר אין יהודה, פון דער נעצנדינגערײַ, פון דעם סקיטן-שטורעם, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער יהודה, פון בבלס מאַכט און גרויסקייט און פון אומגליק און אונטערגאַנג, וואָס שטייט פאָר.

די מגילה האָט געמאַכט אַ מוראדיקן אײַנדרוק אויף די הויף-לײַט, און זיי האָבן באַשלאָסן מעלדן וועגן דעם קיסר. מיט גרויס פאָרזיכטיקייט האָט מען דערציילט וועגן ירמיהוס מגילה יהויקימען. דער קיסר איז געזעסן אין ווינטער-פּאַלאַץ בײַ אַ ברענענדיקן קאַמין מיט קוילן און אופמערקזאַם געהערט, וואָס מען האָט אים פאָרגעלייענט. דאָס אָפּגעלייענטע האָט ער אָפּגעשניטן מיטן מעסער און געוואָרפן אין פייער, ביז ער האָט פאַרברענט די גאַנצע מגילה. ירמיהון מיט ברוכן האָט ער געהייסן אָנכאַפּן, און געווים וואָלטן זיי מיטן לעבן באַצאָלט, ווען זיי זאָלן זיך ניט אויסבאַהאַלטן. דאָרט אין באַהעלטעניש האָבן זיי צוריק

אויפגעשטעלט די מגילה. דאָס איז געווען דער יסוד פאַר ירמיהוס בוך.

* * *

אין 597=טן יאָר, עטלעכע חדשים נאָך יהויקימס פּלוצ= לונגדיקן טויט, איז דער בבלישער חיל אַראָפּגעקומען אין כּנען, נאָכדעם ווי בבל האָט צעקלאַפּט פּיניקיע, צוגענומען די שטעט פון די פּלישתּים און אַזוי געהאַלטן אין האַנט די ברעגעס פון מיטלענדישן ים. איז איר חיל אַריין אין יהודה, זיי זיינען געקומען, ווי אַ שטראָף=עקספּעדיציע, פאַר יהויקימס אויפשטאַנד מיט מצרים.

אויף יהויקימס אָרט איז געזעסן זיין אכצניאָריקער זון יהויכין. נבוכדנאצר איז פריי אַריין אין שטאָט און זיך שטרענג אָפּגערעכנט מיט דער קיניגלעכער פאַמיליע און מיט דער גאַנ= צער אַריסטאָקראַטיע פון יהודה. יהויכין מיט זיין מוטער, די רעגענטשע, האָט ער געשמידט אין קייטן און פאַרשיקט אין בבל. דאָרטן געהאַלטן זיי אין תּפיסה. צוזאַמען מיט זיי האָט ער פאַרשיקט די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע פון יהודה, די מיליטערישע אָנפירער, די גרויסע ערד=באַזיצער, אינגאַנצן אַ 7.000 מענטשן. אויסער דעם האָט ער אויפגעקליבן אַלע בעלי=מלאכות, די וואָס האָבן געקענט אַרבעטן בײַ האָלץ אָדער אײַזן, אומגעפער אַ טויזנט מענטשן און אויך זיי אָפּגעשיקט אין בבל און דערמיט עקאָנאָמיש אויפגעטויט דאָס לאַנד. דערצו האָט מען צוגענומען פון לאַנד אַלע אָנגעקליבענע רײַכטימער, די גאָלד און זילבער פון בית=המקדש, און אָפּגעשיקט אין בבל. ירושלים איז געבליבן פּוסט, באַליידיקט, דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון גרויסן חורבן. אויפן פאַראָרעמטן, איינגעבראָכענעם טראָן פון יהודה האָט בבל אַוועקגעזעצט יהויכינס פעטער, יאשיהוס יינגערן זון צדקיהון, וועלכער האָט געשוואָרן טריי זיין בבל.

דער אינערלעכער קריג אין יהודה האָט זיך נאָכדעם נאָך מער געשטאַרקט.

פון איצט אָן קומט אין באַטראַכט נאָך אַ נייער וויכטיקער פאַקטאָר, דאָס איז די יידישע קאָלאָניע אין בבל.

די דעפּאָרטירטע זיינען ניט אומגעקומען אויפן טרוקענעם הייסן

חענ פון כנען קיין בבל, זיך ניט אַסימילירט צווישן דער פרעמדער קולטור. נאָר, פאַרקערט, דאָ געפֿירט אַ באַזונדער זעלבסטשטענדיקן לעבן. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל אין דער אוראַלטער וועלט, ווען אין אַ פרעמד לאַנד האָט זיך אַנטוויקלט און געלעבט אַ באַזונדער נאַציאָנאַלער קערפּער. מען דאַרף רעכענען, אַז בבל האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען צו טאָלערירן פרעמדע קולטן. פון דער אַנדער זייט האָט דער פּראָדוקטיווער עלעמענט, וואָס איז געווען פאַרטריבן, געפונען פאַר זיך אַרבעט אויך דאָרטן אין גלות און איז אַזוי געבליבן גאַנץ, ווי אַ באַזונדערע קהילה.

אָבער אויך דאָ, צווישן די עמיגראַנטן, האָבן זיך געבילדעט דיזעלבע צוויי פּאַרטייען, וואָס אין ירושלים. די קריגס־פּאַרטיי, קעגנער פון בבל, וואָס האָבן געלעבט מיטן האָפענונג אומקערן זיך צוריק אַהיים. „די וואָס זיינען געזעסן אַף די טייכן אין בבל און געוויינט, דערמאָנענדיק זיך אָן ציון", און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט אין לאַנד און פאַרשטאַנען, אַז פאָרלויפיק קען בכל אופן ניט זיין קיין רייד וועגן אומקערן זיך. דער נביא און כוהן יחזקאל, וואָס איז געווען פאַרטריבן צוזאַמען מיט יהויכינען, איז געשטאַנען פאַר פרידן, דאָסזעלבע, וואָס ירמיהו אין ירושלים. אָבער אויך דער צווייטער צד האָט געהאַט זיינע נביאים.

די עמיגראַנטישע קאָלאָניע האָט פאַרבונדן ענגע באַציונגען מיט ירושלים. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די עמיגראַנטן האָט זיך אַלץ געבעסערט. פאַרקערט, אין ירושלים איז געוואָרן אַלץ ערגער און די בבלישע קאָלאָניע האָט געשטיצט ירושלים, אין דער האָפענונג זיך אינגיכן אומצוקערן אַהיים. ירמיהו האָט געשיקט בריוו צו די ייִדן אין בבל, זיי געטרייסט און אויפגעפאָדערט אויך דאָרטן זיין געטריי בבל.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן די קליינע פעלקער פון סיריע, וואָס זיינען געווען אונטערטעניק בבל, געזוכט מיט דער הילף פון מצרים צו שאַפן אַ געמיינזאַמע אַקציע קעגן בבל. געזיינלעך האָט מען געזוכט אַריינצוציען אין דעם אויך יהודה. אין

ירושלים איז פֿאָרגעקומען אַ צענויפֿפֿאָר פֿון די דעלעגירטע פֿון אַזעלכע פֿעלקער.

ירמיהו איז געקומען פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג מיט קייטן און אַ הילצערנעם יאָך אויפֿן האַלדז, ווי אַ סימבאָל פֿון אונטערטעניקייט און קנעכטשאַפֿט, וואָס שטייט פֿאַר די אַלע פֿעלקער פֿון בבלס האַנט. דאָס איז געווען די פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע פֿון דער פֿרידנס־פּאַרטיי, אַלס ענטפֿער איז גלייך פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרקערטע דעמאָנסטראַציע, וואָס ס׳האָט איינגעאָרדנט דער נביא פֿון דער קריגס־פּאַרטיי חנניה. ער האָט אַראָפּגעריסן פֿון ירמיהוס האַלדז דעם יאָך און פֿאַרגעזאָגט, אַז אינגיכן וועט מען זיך באַפֿרייען פֿון בבל און אומקערן דעם געפֿאַנגענעם קיסר יהויכין.

וואָס ערגער עס איז געוואָרן די לאַגע אין יהודה, אַלץ הילכיקער האָט זיך געהערט די שטים פֿון דער קריגס־פּאַרטיי, פֿון די כּוהנים, נביאים, פֿון דער נייער אַדמיניסטראַציע, און אַלץ שטילער איז געוואָרן ירמיהוס שטים, ביז מען האָט איר אינגאַנצן פֿאַרהילכט. ירמיהון האָט מען געשלאָגן, אַרעסטירט, באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש, אין וועלן אַריבערלויפֿן צום שונא.

דער קיסר צדקיהו איז געווען אַ כאַראַקטערלאָזער מענטש, וואָס וואָלט ניט געקענט רעגירן אין אַזאַ אומרויִקער צייט. אויך זיין באַציונג צו ירמיהון איז געווען אַ וואַקלדיקע. אין האַרצן האָט ער געפֿילט, אַז די אמתע נבואה איז מיט ירמיהון. ער האָט דאָס אָבער מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן. די קריגס־פּאַרטיי האָט געפֿאָדערט מען זאָל אַרויסגעבן דעם פֿאַררעטער און צדקיהו האָט עס געטאָן.

אויפֿן מיצרישן טראָן איז דערווייל אַרויף פּרעה־כאָפרא. מצרים האָט פֿאַר דער צייט פֿאַרגעסן אָן די קלעפּ, וואָס נעכא האָט באַקומען פֿון נבוכדנאצרן, און ווייטער פֿאַרפֿירט אַ קריג קעגן בבל. נבוכדנאצר האָט קודם כּל באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף פֿון יהודה, כּדי צו זיין געזיכערט פֿון הינטערשטן פֿראָנט. אין 588 פֿאַר קר. נעב. האָט דער בבלישער חיל זיך ווידער פֿאַרשפּרייט

אבער יהודה, צעריבט און פארפרעכט די פראווינץ און באלאגערט ירושלים. פון איטעטום האבן זיך ידן געראטעוועט אין דער הויפט־שטאט, וועלכע איז נאך געווען א שטארקע פעסטונג. ירושלים איז געווארן א תפיסה פאר אירע איינוואוינער. קיינער האט ניט געקענט ארויס פון שטאט. אין ירושלים האט זיך אנגעהויבן א הונגער. אין אזא לאגע האט די אריסטאקראטיע געסוכט פריילאזן די קנעכט. דער סוף האט זיך דערנענטערט.

דעמאלט איז כאפרא ארײן אין כנען מיט א גרויסער ארמיי, אזוי, אז בבל האט געמוזט אראפנעמען די באלאגערונג פון ירושלים. די שטאט האט געיובלט, א פרייד האט זיך אויסגעגאסן אף די אויסגעהונגערטע, פארמאטערטע איינוואוינער פון ירושלים, די אריסטאקראטיע האט צוריק צוגענומען די אפגעלאזענע, פריי געווארענע שקלאפן. ירמיהו האט זיך אנגענומען פאר זיי. אפשר אים איינעם האט אין ירושלים ניט געפרייט דאס אראפנעמען די באלאגערונג. „אפילו אויב עס וועלן בלייבן עטלעכע כשדים, און דאס פארוואונדעטע, וועלן זיי אונטערצינדן די שטאט״. (ירמיהו לז׳ 10)

און מקוים געווארן זיינען טאקע די פינסטערע נביאות פון ירמיהון. נבוכדנאצר האט באלד צעקלאפט מצרים און ווי א צערייצטער לייב זיך געווארפן אף יהודה, פונדאסניי באלאגערט ירושלים. אין שטאט האט זיך אנגעהויבן א הונגער און קריגס־טעראר. צדקיהו האט זיך געווארפן פון איין צד צום צווייטן, קאנפערירט מיט ירמיהון און דאך ניט געהאט גענוג מוט צו רייסן מיט דער קריגס־פארטיי.

אין תמוז 586 פ. קר. נעב. האבן זיך די בבלים ארײנגעריסן אין שטאט, אף א חודש צייט האט מען אפגעגעבן דעם בבלישן חיל צו רויבן די שטאט. וואס ס׳איז גאנץ געבליבן פון רויב, האט מען אונטערגעצונדן, און מיט פייער זיינען אוועק אלע פאלאצן פון שטאט, אויך דער בית המקדש. דעם קיסר צדקיהון האט מען געכאפט. פאר אים אין די אויגן געקוילעט זיינע זין, דערנאך אים אויסגעשטאכן די אויגן און א געשמידטן אין

קיטן אַפּגעשיקט אין בבל, צוזאַמען מיט דער איבערגעבליבענער אַריסטאָקראַטיע, מיט אַלעמען, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ חאָג אין לאַנד.

אַזוי האָט זיך טרויעריק געענדיקט די געשיכטע פון דער קליינער מדינהלע יהודה און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון גרויסן ייִדישן פאָלק.

# ירמיהום ביאָגראַפֿיע, זיינע איבערלעבונגען.

ירמיהו איז דער איינציקער נביא, פֿון וועמען מיר האָבן גענויע ביאָגראַפֿישע שטריכן. דאָס איז דער נביא, וואָס האָט ליב צו דערציילן וועגן זיך און וועגן זיינע נביאות, וועגן זיין אומגליקלעכן גורל און נורל פֿון זיין לאַנד, וועגן די פֿאַרפֿאָלגונגען, וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן און וועגן זיינע פֿאַרפֿאָלגער. דאָס מאַכט דעם נביא מער קאָנקרעט, מער רעאַל, מיר פֿילן אין אים אַ לעבעדיקן מענטשן, וועלכער האָט געלעבט און געווירקט בײַ באַשטימטע באַדינגונגען, אַ מענטש, וואָס שרייט און וויינט פֿאַר ווייטיק. דאָס מאַכט אונדז ירמיהון נעענטער און פֿאַרשטענדלעכער.

ירמיהו האָט אַליין דורכגעלעבט, נישט נאָר פֿאָרויסגעזען, נאָר אויך געזען דעם חורבן פֿון ירושלים און יהודה, אָבער דאָס איבערלעבן, דאָס אַקטיווע אָנטיילנעמען אין פּאָליטישן קאַמף, אין דער טראַגעדיע פֿון יענער צייט, האָט געלייגט אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף ירמיהום פּערזענלעכקייט.

ער איז אַן אויסגעשפּראָכענער נביא-פּאָליטיקער, אַלץ קאָנצענטרירט זיך אַרום דער נעפּערלעכער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען זיין לאַנד, זיין פֿאָלק. אַפֿילו געצנדינעריי, די שטענדיקע און אייביקע טעמע פֿון די נביאים, איז צוגעפּאַסט בײַ ירמיהון צום פּאָליטישן מאָמענט.

געבאָרן איז ירמיהו אין אַ קליין שטעטל ענתות, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער טעריטאָריע פֿון שבט בנימין, לעבן ירושלים, אַרום 650 פֿאַר קר. געב. אין דער הויפּט-שטאָט האָבן געלעבט די רייכע אָנפֿירנדע כּוהנים, אָבער דער גרויסער נייסט האָט זיך אַנטפּלעקט דווקא אין דער שטילער באַשיידענער פּראָווינץ.

זײַנע עלטערן זײַנען געװען אַ באַמיטלטע כּוהנים משפּחה. מעגלעך, אַז זײער יחוס האָבן זײ געצױגן פֿון כּוהן אבֿיתר, װעלכער האָט אַמאָל טרײַ געדינט דודן. אָבער דער מלך שלמה האָט אבֿיתרן פֿאַרשיקט אין ענתות, און אױף אבֿיתרס אָנפֿירנדיקן אָרט, האָט שלמה אַרױפֿגעזעצט אַן אַנדער כּוהן צדוק. צװישן די צװײ כּוהנים־פֿאַמיליעס — צװישן דער הערשנדער און פֿאַרטריבענער — האָט זיך געצױגן אַן אײביקער שטרײַט. קײן ליבע צום הויף, צו שלמהס בית המקדש, צום הערשנדן שבט יהודה איז אין דער פֿאַרטריבענער כּוהנים פֿאַמיליע נים געװען און אַזױ האָט נאָך פֿון קינדהײט ירמיהו אײַנגעזאַפּט אין זיך אַ שנאה צו די כּוהנים און הערשער פֿון ירושלים.

אָבער פֿון דער אַנדער זײַט האָט מען אין אַזאַ פֿאַמיליע קולטיװירט היסטאָרישע זכרונות, געלעבט מיטן רײַכן עבר פֿון העראָישן פּעריאָד אין דער עבֿרים־געשיכטע און ירמיהו איז טאַקע דורכגעדרונגען מיט דער אַלטער געשיכטע. ער קאָן משהן און שמואלן, די פֿאַרגאַנגענהײט באַגײַסטערט אים.

דער דײַטשער נבֿיאים־פֿאָרשער קאָרניל זאָגט, אַז דאָס איז דער מין פֿון גאָטס רײד צו ירמיהון: „איך האָב דיר באַשטימט פֿאַר אַ נבֿיא, נאָך אײדער איך האָב דיך באַשאַפֿן" (ירמיהו א׳ 5) ירמיהוס משפּחה איז נאָך מיט דורות פֿריער געװען צוגעגרײט אַרױסצוגעבן פֿון זיך אַזאַ נבֿיא.

די קינדער־יאָרן פֿון ירמיהון זײַנען דורכגעגאַנגען אין די צײַטן פֿון קיסר מנשה, אונטער אַשורס פּאָליטישער און קולטורעלער הערשאַפֿט. מנשה איז געװען דער פֿאַררעטער פֿון יהודהס קולט. די נבֿיאים האָט מען פֿאַרפֿאָלגט. דאָס איז געװען די געזעלשאַפֿטלעך־רעליגיעזע סבֿיבה פֿון ירמיהוס קינדהײט. אין דער פֿרומער משפּחה האָט מען אױסגעקוקט אױף דער צײַט, עס זאָל פֿאַרבײַ דאָס שלעכטע און זינדיקע.

די מאַכט. װאָס װעט אונטערברײַנגען אַשור, װער דאָס זאָל נים זײַן, סוו פֿאַרעכנט װערן אין אַזאַ סבֿיבה פֿאַר אַ באַפֿרײַערין, פֿאַר אַ דערלײזערין. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן װעבן די סימפּאַטיעס צו בבֿל, װי צו אַ באַפֿרײַערין פֿון אַשורס הערשאַפֿט. די סים־

באַטיעס האָט ירמיהו שפּעטער דורכגעטראָגן דעם גאַנצן לעבן און דאָס האָט באַשטימט דעם נביאס פּאָליטישן פּרצוף.

נאָך אין דער פּריעסטער יוגנט האָט זיך ירמיהו דערפילט פאַר אַ נביא, און גלייך בײַ דער אַנטפּלעקונג פון דער ערשטער נבואה, בײַם צאַרטן יונגן צימער פון נביאס נשמה, געפינען מיר קאָנפליקט, סתירות, קאַמף, וואָס האָט באַגלייט ירמיהוס גאַנצן לעבן.

גאָט זאָגט צו ירמיהון:

> איידער איך האָב דיר אין בויך באַשאַפן,
> האָב איך דיר דערקענט!
> איידער דו ביסט פון מוטערס טראַכט אַרויס,
> ביסטו פאַר אַ נביא אויף פעלקער באַשטימט!

— אָבער ירמיהו וויל ניט, נעמט ניט אָן די באַשטימונג. ווי פון אַ שווערער לאַסט, ווי פון אַ בייזן חלום, וויל ער זיך אָפּוואַרפן. „ער איז יונג, ער קען ניט ריידן", אָבער גאָט צווינגט אים, ער מוז:

> ענטפער מיר ניט:
> איך בין יונג.
> דו וועסט גיין,
> וווּ איך וועל דיר שיקן!
> ריידן וועסטו.
> וואָס איך וועל דיר הייסן!

דער נביא מוז אין זיך געפינען כוחות אַרויסצוזאָגן קעגן דער גאַנצער וועלט!

און דאָ הייבן זיך אָן די אינערלעכע סתירות. פון דער נאַטור אַ ווייכער מענטש, האָט ער געוואָלט אין לעבן זײַן האַרט ווי אײַזן. דער גוטער האָט געמוזט שלעכט ווערן, דער איידל־מאַן האָט געמוזט גראָב אויפטרעטן, דער באַשיידענער מענטש, איז אָפט געווען אַרויסרופעריש. דער מענטש, וואָס האָט אַזוי געשטרעבט צו שלום און רו, האָט געמוזט פירן אַן אייביקן קאַמף.

שטענדיקע מלחמות, אַרײַנגעפאַלן אין אַ תּהום פון איבערקערע-
נישן. דער געזעלשאַפט-ליבהאָבער האָט געלעבט אײַנזאַם. עלנט,
אַפילו אָן אַ פרוי און קינד.

צום ערשטן מאָל האָט זיך די נבואה אָנגעטראָפן אַף אַ
אינדיווידואַליטעט, אַף אַ פערזענלעכקייט, און יעטווידער אַנטפּלע-
קונג פון נבואה, יעדער אַרויסטריט פון ירמיהון איז אַ קאַמף-
אַקציע, אַ צוזאַמענשטויס פון אינערלעכע קרעפטן. גאָט באַקעמפט
דעם נביא. גאָט איז מנצח, אָבער באַם נביא בלײַבט די אומצו-
פרידנקייט. אָפטמאָל דוכט אויס, ווי אַ שנאה פון באַזיגטן
ירמיהון דוכט אָפטמאָל, ווי גאָט זאָל אים אָפּנאַרן, איבעררײדן.

דו, יהוה, האָסט מיר פאַרפירט,
און איך האָב זיך אָפּגענאַרט!
דו האָסט זיך געשטאַרקט איבער מיר
און האָסט מיר בײַגעקומען!
אַ גאַנצן טאָג בין איך צו שפּאָט,
אַלע לאַכן פון מיר!

איך האָב געהאַט באַשלאָסן:
איך וועל אים ניט דערמאָנען,
אין זײַן נאָמען מער ניט ריידן!
ברענט אָבער אַ פײַער אין מײַן ברוסט,
אין מײַנע בײנער איז ער אײַנגעשלאָסן,
און מיד בין איך עס אײַנצוהאַלטן!

(ירמיהו כ׳ 7,9),

ירמיהוס רעפלעקסן, זײַנע ספקות נעמען זיך ניט נאָר פון
שוואַכקייט, פון יונגקייט. נאָר אויך פון אינערלעכן פּראָטעסט, פון
קריטיק איבער גאָט.

מיט אַ דינעם, קוים צו באַמערקן, איראָנישן שמייכל, זאָגט
ירמיהו, אַז אײגנטלעך דיספּוטירן מיט יהוהן האָט ער ניט וואָס.
ער ווײס פאַרויס, אַז גאָט איז דער צדיק. אָבער דאָך וויל ער-

זיך מיט אים משפטן און דעם נביאס מענה איז: „פאַרוואָס גליקט די רשעים? די פאַלשע, די פאַררעטער זיצן זיך רויק און זיכער, זיי פלאַנצן, לאָזן וואָרצלען, וואַקסן און האָבן דערפאָלג".

געניי, ווי אַלט ירמיהו איז געווען, ווען ער האָט זיך דערפילט פאַר אַ נביא, קענען מיר ניט זאָגן. ער אַליין גיט אָן דעם דרייצענטן יאָר פון יאשיהוס קיניגין, אָבער וויפיל יאָר איז דעמאָלט געווען אַלט ירמיהו, קענען מיר ניט וויסן, ווייל מיר ווייסן ניט געניי, ווען ער איז געבאָרן געוואָרן. מיר האָבן אָבער אַן אַנדערן אומדירעקטן באַווייז, אַז דער אינערלעכער אומרו האָט ירמיהון באַהערשט נאָך זייער יונג. ווי אַ נביאישער סימבאָל אַף אונטערגאַנג און אויסראָטונג, האָט ירמיהו קיינמאָל ניט חתונה געהאַט. דאָס איז געווען ניט דער אַסקעטן־לעבן פון מיטלעלטער. אַזאַ אַסקעטיזם איז געווען פרעמד יענער צייט.

גאָט זאָגט אָן דעם נביא, ער זאָל קיין פרוי ניט נעמען, קיין קינדער ניט האָבן, ווייל

— די זין און די טעכטער, וואָס וועלן געבאָרן ווערן,
וועלן שטאַרבן מיט אַ ביטערן טויט,
די מאַטעס און מאַמעס, וואָס וועלן זיי געבאָרן,
וועלן דורך שווערד און הונגער אומקומען.

אויב מיר זאָלן נעמען אין באַטראַכט, אַז אַפן מזרח האָט מען נאָך היינט יונג חתונה, וועט קלאָר זיין, אַז נאָך גאָר יונג האָט ירמיהו געזוכט סימבאָלן אויסצודריקן זיין אינערלעכן צושטאַנד.

אויסער דעם, איז ירמיהו ניט אין איין טאָג געוואָרן אַ נביא, ניט פּלוצלונג איז אים דאָס אַראָפּגעפאַלן. אין שטילן דערפל ענתות האָט זיך אָנגעפאַנגען זיין אינערלעכער קאַמף, זיין אונטערבאַוווסטער יונגנטלעכער ברויזן. ניט איינע פון זיינע אייביקע לידער זיינען באַשאַפן געוואָרן אין יענער צייט, ווען קיינער און אפילו ירמיהו אַליין האָט ניט געוווּסט, אַז עס וואַקסט אַ נביא, און האָט ניט פאַרשטאַנען זיינע איבערלעבונגען. די צייט פון זיין אַנטפּלעקונג, וואָס ירמיהו גיט אָן — 13־טן יאָר אין יאשיהוס קי־

ניגן—איז שוין די צײַט פון פאַרטיק ווערן פון דעם נביאס באַשטימונג, ווען דער אידעאַל האָט זיך שוין אויסגעקריסטאַליזירט.

די געצנדינערײַ, די שלעכטע באַציונגען פון די שטאַרקע צו די שוואַכע, פון די רײַכע צו די אָרימע, פון די הערשער צו די באַהערשטע, דערנאָך די שוידערלעכע בילדער פון דעם סקיטן־אָנפאַל האָבן אַרויסגערופן אַף ירמיהוס פאַנטאַזיע אַ פינסטערן שטעמפּל. ער איז דער נביא „פון מלחמות און מאָרד", ער טראָגט אַרום „אַ בעכער פול מיט צאָרן" און ממש דערמיט די פעלקער, ער טראָגט אין זיך דעם חורבן נאָך מיט אַ דור פריער, איידער ער איז אָנגעקומען.

אין די יונגע יאָרן איז ירמיהו געווען עטלעכע מאָל אין ירושלים. יעדער מאָל פלעגט ער קומען פון דאָרטן פול מיט אײַנדרוקן. דאָס זײַנען געווען פײַנלעכע אײַנדרוקן פון אַ דאָרפישן ערנסטן יונגנמאַן, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער גרויסשטעטישער אויסגעלאַסנקייט, געצנדינערײַ. אין צײַט פון די סקיטן האָט ער געזען ירושלים ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג, מיט אָנגעלאָפענע מענטשן פון פראָווינץ.

אַרום 620־טן יאָר האָט זיך ירמיהו געמוזט אַף שטענדיק באַזעצן זיך אין דער הויפּט־שטאָט. שוין פריער האָבן אים אין זײַן דאָרף ענתות פאַרפאָלגט די קרובים און שכנים, וועלכע האָבן נט געקענט פאַרטראָגן דעם ערנסטן מאַן, מיט זײַנע האַלב־משוגענע, פינסטערע נביאות, מיט זײַנע שטענדיקע טענות צו מענטשן. דערצו איז אָנגעקומען די רעליגיעזע רעוואָלוציע פון יאשיהון, וועלכע האָט צוזאַמענגעטריבן אַלע כוהנים פון פּראָווינץ אין ירושלים, כדי זיי זאָלן דאָרטן ניט ברענגען קיין קרבנות, זיי זאָלן ניט דינען די אָרטיקע קולטן. מעגלעך, אַז צווישן די געטריבענע כוהנים אין ירושלים האָט זיך אײַנגעפונען אויך ירמיהו. טרײַבן ירמיהון אין ירושלים, כדי ער זאָל ניט ברענגען ערגעץ צופיל קרבנות, איז אַ פײַנע איראָניע פון דער געשיכטע!

אין ירושלים האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרײַסיק, אין פולן בליִען זײַנע פיזישע און גײַסטיקע כוחות.

זײַנע מיטלען צום לעבן האָט ער באַקומען מילחײַז נאָך פֿון דאָרף, מילחײַז, װי אַ כּוהן בײַם בית־המקדש. געװען איז דאָס אין די ערשטע האָניק־יאָרן פֿון יאשיהוס רעליגיעזער רעװאָלוציע, װעלכע איז געהײן אויסגעהאַלטן אין גײַסט פֿון די נביאים. נענוי ירמיהוס באַציונג צו דער װיכטיקער געשעעניש איז אונדז ניט באַקאַנט. אײגנטלעך, האָט געדאַרפט די צײַט באַפֿרידיקן דעם נביא. פּאָליטיש איז יהודה מער זעלבשטענדיק, װי אַלע מאָל. רעליגיעז הערשט יהוהס קולט אין בית־המקדש, אויך די פּערזאָן פֿון קיסר יאשיהו, זײַן מענטשלעכע אײַנפאַכע גומע באַציונג צום פֿאָלק איז געװען אין נביאס גײַסט.

ירמיהו איז אָבער דער אײַנציקער נביא, װאָס פֿאָדערט ניט נאָר אויסערלעכע מעשׂים, נאָר אויך די הארץ פֿון מענטשן מוז זײַן גוט. זײַן אינערלעכן לעבן, די געפֿילן און געדאַנקען האָבן פֿאַר זיך אַ װערט. ירמיהו רופֿט אָן גאָט פֿאַר אַזעלכן, װאָס „פּרוװט אויס די נירן און דאָס הארץ". פֿאַרן מענטשן פֿון טיפֿע אינערלעכע איבערלעבונגען האָט עס אָן אַבסאָלוטן װערט.

אַזאַ נביא האָט ניט געקענט זיך צופֿרידן שטעלן מיט קײן קאַנאָן, מיט קײן פֿאַרשטײנערטע רעליגיעזע פֿאָרמען. אויב הינטער זײ איז ניט געװען קײן איבערצײַגונג. װען אַן אַנדער װינט װעט אַ בלאָז טאָן, װעט דאָס אַלץ צעפֿאַלן.

און אַזוי האָט טאַקע געטראָפֿן. נאָכדעם װי דער פֿרומער יאשיהו איז דערהרגעט געװאָרן פֿון אַ מיצרישן פֿײַל און יהויקים האָט טרײַ געדינט מצרים, איז גאָרנישט געבליבן פֿון דער אויסערלעכער פֿרומקײט. פֿאַרקערט, דער בית־המקדש אַלײן איז געװאָרן אַ פּונקט און אָנשפּאַר פֿאַר פֿאַרברעכער. און דעמאָלט איז ירמיהו אַרויסגעטראָטן מיט זײַן באַקאַנטער רעדע אין בית־המקדש, װעלכע מיר האָבן פֿריער ציטירט.

געװיס האָבן די געדאַנקען שוין לאַנג פֿאַרנומען ירמיהון. ער האָט אָבער דווקא איצטער, װען די מאַכט איז פֿײַנטלעך געשטימט געװאָרן צום נביא, אויסגעקליבן אַ צײַט פֿאַר זײַן שאַרפֿער אַרויסטרעטונג קעגן בית־המקדש.

פֿון איצטער הויבט זיך אָן אַ אָפֿענער קריג צװישן ירמיהון

סימן קיסר, מיט די כּוהנים און נביאים. אַזעלכע רייד האָבן נישט געקענט בלייבן אומבאַשטראָפט און די כּוהנים האָבן געכאַפּט ירמיהון און איבערגעגעבן דעם געריכט. דער געריכט איז באַשטאַנען פון האַרן און פראָסטן פאָלק און די כּוהנים מיט די נביאים האָבן געפאָדערט טויט־שטראָף פאַר אַזאַ נביאות אין די טויערן פון בית־המקדש.

כאַראַקטעריסטיש איז די פאַרטיידיקונג־רעדע פון ירמיהון. מיט שטאָלץ און מוט האָט ירמיהו געזאָגט, אַז גערעדט האָט ער דעם ריינעם אמת, איבערגעגעבן גאָטס שליחות. עס איז אָבער דאָ אַ מיטל זיך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג. דאָס איז אויסבעסערן די מעשׂים, אומקערן זיך פון דאָס שלעכטס. אויב אָבער זיי ווען אים טויטן, זאָלן זיי וויסן, אַז זיי פאַרגיסן אומזיסטע בלוט.

אפילו אין מאָמענטן פון טויט־געפאַר האָט ירמיהו נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען וועגן חרטה, וועגן דעם, אַז פאַרריכטן דאַרפן זיך די שופטים, די באַשולדיקער.

ירמיהון האָט מען באַפרייט. אין זיינע רייד האָט מען דערפילט דעם אמת, ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געוווּסט פון נביא מיכה, וואָס האָט מיט הונדערט יאָר צוריק גערעדט אין זעלבן גייסט און מען האָט אים נישט געטויט, נאָר זיך צוגעהערט צו זיינע רייד.

אָבער די שׂנאה פון די כּוהנים און נביאים צו ירמיהון האָט זיך אַלץ געשטאַרקט. ער איז זיי געווען אַ דאָרן אין די אויגן, אַ דירעקטער שטער אין זייער לעבן, אין זייער גאַנצן מהות, אין זייער פּאָליטיק. דאָס האָט געווירקט אויף ירמיהוס זעלבסטגעפיל, ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די איינזאַמקייט. די אַטמאָספער פון שׂנאה און האַס.

ווי איז מיר, מיין מוטער,
וואָס דו האָסט מיר געבאָרן!
שטענדיק רייסן זיך מיט דער וועלט!
נישט איך פאָדער בא קיינעם,
נישט קיינער פאָדערט בא מיר
און דאָך שילטן מיר אַלע!

ווען יהויקים האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן בבל, האָט ער עס געטאָן נאָר לפנים וועגן. אינדערהאַרצן איז ער געווען געטריי מצרים, און געזוכט וועגן, ווי אָפּצופאַלן פון בבל. דאָ האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט ירמיהון, וועלכער איז געווען אַן אויפריכטיקער אָנהענגער פון בבל. מיט דער נביאישער שאַרפקייט איז ירמיהו אַרויסגעטראָטן ניט נאָר קעגן די כוהנים און נביאים, נאָר אויך קעגן קיסר און די הויפלייט, קעגן מצרים און אירע אָנהענגער. דער קרייז פון זיינע קעגנער איז אַלץ געוואַקסן. ירמיהו האָט זיך שוין ניט געקענט ווייזן אין בית־המקדש, זיין פּאָפּולאַריטעט אָבער איז דערפון ניט געפאַלן, נאָר געוואַקסן. וואָס וויניקער ער האָט זיך באַוויזן, אַלץ מער האָט מען אים געפאָדערט, אַלץ שטאַרקער האָט מען אים געגלוסט צו זען און צו הערן, אַלץ גרעסער איז צו אים געוואַקסן די איבערגעבנקייט פון זיינע איינצלנע אָנהענגער און די שנאה און מורא פון זיינע קעגנער און פיינט.

נאָך פריער האָט זיך באַפריינדעט מיט ירמיהון ברוך, נכיהס זון. ער איז געוואָרן זיין תלמיד און סעקרעטאַר, זיין חבר און איבערגעבנסטער פריינט. שפּעטער אַפילו האָט מען באַשולדיקט, אַז דער אַלטער ירמיהו פאַלט אונטער ברוכס השפעה. דעם גאַנצן ביטערן קאַמף פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבן זיי דורכגעמאַכט צוזאַמען, צוזאַמען געזען פאַרפאַלגט. אַלע ירמיהוס לידער האָט ברוך איבערגעשריבן. אויסער דעם האָט ער פון זיך צוגעגעבן די היסטאָרישע כראָניק, די ביאָגראַפישע פאַסירונגען און צוליב אים איז ירמיהו גאַנץ געבליבן פאַר דער געשיכטע.

ווען ירמיהו האָט ניט געקענט קומען אַליין אין בית־המקדש, האָט ער געשיקט ברוכן, ער זאָל דאָרטן פאָרלייענען. ברוך האָט בוכשטעבלעך איבערגעגעבן די שרעקלעכע רייד פון נביא, די קלאָרע איישטעלונג פאַר בבל. עס האָט זיך גיך געגלויבט, אַז ירמיהו זאָל אונדז זאָגן, און די הויפלייט האָבן ברוכן איבערגעפרעגט: „האָסטו טאַקע אַליין געהערט אונדז פון נביא?“ ברוך האָט געענטפערט, אַז ער האָט אַלץ פאַרשריבן „פון נביאס מויל“, דעמאָלט האָט מען די פאַרשריבענע מגילה אויפגעטראָגן

צום קיסר. ער האָט איר פאַרברענט און ירמיהו מיט ברוכן האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן, ווערן אומלעגאַל.

די פאַרפאָלגונגען קעגן ירמיהון זײַנען אַלץ געוואַקסן ביז די צײַטן פון דעם קיסר צדקיהון. בבל האָט שוין אַרופגעלײגט איר שווערע האַנט אַף יהודה, אין מצרים האָט מען זיך גענומען אַנטוישן און ירמיהון האָט מען אַף אַ געוויסע צײַט געלאָזן צורו.

* * *

נאָכדעם ווי מען האָט אין 597 יאָר פאַרטריבן די רײַכע און פראָדוקטיווע מענטשן פון יהודה אין בבל, האָבן זיך געעפנט נײַע פערספעקטיוון פאַר דער שלום-פאַרטײ. זײ האָבן דערזען, אַז די פאַרטריבענע גײען ניט אונטער אין בבל, נאָר פאַרפירן אַן אײַנגענעם וועלבשטענדיקן לעבן; דעמאָלט האָט ירמיהו אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דאָס פאָלק קען לעבן אויך אויסער די גרענעצן פון יהודה, און ער שרײַבט זײַן היסטאָרישן בריוו צו דער ייִדישער קאָלאָניע אין בבל:

— „אַזוי זאָגט יהוה צו די אַלע, וואָס זײַנען פאַרטריבן פון ירושלים אין בבל: בויט הײַזער און באַזעצט זײ, פלאַנצט גערטנער און עסט זייערע פרוכט. נעמט פרויען און געבירט קינדער און אײַערע קינדער זאָלן ווידער געבירן, מערט זיך און ווערט ניט ווײניקער, זײַט גוטע פרײַנט דער שטאָט, וווהין איך האָב אײַך פאַרטריבן, בעט פאַר איר צו גאָט. איר גליק איז אײַער גליק. אַזוי זאָגט יהוה, דער ייִדישער גאָט, זאָלן אײַך ניט אײַנרײדן די נביאים און בשוף-מאַכער, הערט זיך ניט צו צו זייערע חלומות, וואָס זײ טרוימען. פאַלש זאָגן זײ נביאות אין מײַן נאָמען, איך האָב זײ ניט געשיקט. יהוה זאָגט, אַז ערשט אין זיבעציק יאָר אַרום וועל איך דערמאָנען אײַך אומצוקערן צו דעם אָרט. ניט קײן שלעכטס בראַכט איך, נאָר פרידנס-געדאַנקען זײַנען מײַנע געדאַנקען איבער אײַך". (ירמיהו כט' 12—4).

דער בריוו האָט געמאַכט צווישן די עמיגראַנטן אין בבל אַ געוואַלדיקן אײַנדרוק. דאָרטן, פון ירושלים, הײסט זײ דער נביא בלײַבן אין בבל, אײַנלעבן זיך אין גלות, גאָר ניט חלומען אַפילו

וועגן אומקערן זיך, ער לייגט עס אָפּ אַף דורות. אַפילו די אייניקלעך וועלן זיין אין בבל, און דער נביא פאָדערט גוט-פריינטשאַפט פאַר דער פרעמדער שטאָט — איר פרידן איז אייער פרידן — לאָיאַליטעט פון די עמיגראַנטן לגבי בבל!

דער דאָזיקער געדאַנק, די ערשטע היסטאָרישע באַרעכטיקונג פון לעבן צווישן אַנדערע פעלקער, האָט געקלונגען פאַר די עמיגראַנטן אין בבל פאַררעטעריש. דער נביא פון דער קריגס-פאַרטיי אין בבל, שמעיה, האָט מודיע געווען וועגן דעם בריוו דעם כוהן גדול אין ירושלים צפניהן און געפאָדערט ער זאָל שטרענג באַשטראָפן דעם „משוגענעם" נביא. צפניה האָט גערופן ירמיהון, אים איבערגעלייענט די בריוו פון די בבלשע ייִדן און, ווייזט אויס, אים נאָכגעלאָזן פריי.

אין דער געזעלשאַפט האָט אָבער די קריגס-פאַרטיי געזיגט, און אין יענע אומרואיקע ציימן איז געווען לייכט די מאַכטהאָבער אויפצוּוועקן באַם פאָלק די נאַציאָנאַלע געפילן. און ירמיהו איז אַלץ מער געבליבן איינזאַם, מען האָט אים לייכט געקענט כאַפּן, שלאָגן, אַרעסטירן.

ניט נאָר די הויף-לייט, די כוהנים און נביאים, נאָר אויך דאָס פאָלק איז געוואָרן קעגן ירמיהון. אַלץ עפטער האָבן זיך געהערט שטימען, אַז ירמיהו שוואַכט אָפּ די מוט און קריגספעיקייט ביי די איינוווינער פון ירושלים. אַזאַ מענטש טאָר ניט לעבן. אמת, ירמיהו האָט געהאַט אויך גוטע פריינט, איבערגעבענע מענטשן אַפילו אין קיסרלעכן הויף. אַזאַ איז געווען דער הויף-שרייבער אַחיקם. ניט איינמאָל האָבן די גוטע פריינט געראַטעוועט ירמיהון פון זיכערן טויט. זייער אויפגאַבע אָבער אים צו פאַרטיידיקן איז געוואָרן אַלץ שווערער. און ירמיהו האָט באַשלאָסן אַנטלויפן פון ירושלים. ער איז געלאָפן אין דער ריכטונג צו זיין היים, צום שבט בנימין, אָבער ניט ווייט זיינען געשטאַנען די בבלים און עס איז געווען אַזוי לייכט אים חושד צו זיין אין פאַרראַט. באַם טויער פון ירושלים האָט מען אים געכאַפּט און טאַקע באַשולדיקט אין וועלן איבערלויפן צום פיינט. מען האָט אים שטאַרק געשלאָגן און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה.

די שטוב פון יונתן דעם שרייבער, וואָס האָט געהאַט פינצטערע קעלערס מיט גריבער, האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ טורמע און דאָרט געהאַלטן דעם נביא. לאַנג וואָלט ער דאָרט ניט אויסגעהאַלטן. אים האָט געראַטעוועט די וואַקלדיקע פּאָליטיק פון קיסר. צדקיהו האָט פאַרשטאַנען, אַז ירמיהו איז ניט קיין אונטערגעקויפטער אַגענט פון בבל, נאָר אין אים רעדט די ליבע צום פאָלק, דער ווייטיק פאַר זיין גורל. שטילערהייט, אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, האָט דער קיסר געלאָזט ברענגען צו זיך ירמיהון און אים געפרעגט, וועגן זיין, צדקיהוס גורל. ירמיהו האָט אים קורץ געענטפערט: „דו וועסט איבערגעגעבן ווערן אין בבלס הענט.

מען דאַרף זיך פאָרשטעלן דעם אומרו ,די שרעק, וואָס האָט פאַרכאַפּט ירושלים, ווען דער קיסר ברייינגט צו זיך אַן אַרעסטירטן, אַ באַשולדיקטן אין שפּיאָנאַזש, און וואַרט מיט אומגעדולד אויפן אורטייל, וואָס דער אַרעסטאַנט וועט אַרויסטראָגן איבער אים, איבער דער מלוכה. און הערט, ווי אַן אייזערנע וואַנט, איז דער נביא. זיין אורטייל איז אַ טויט־אורטייל.

אַ טובה פאַר ירמיהון פון דער באַגעגעניש איז דאָך אַרויסגעקומען. ירמיהו האָט דערמאָנט צדקיהון וועגן זיך: — איך בין דאָך קיין זינד ניט באַגאַנגען קעגן דיר, קעגן דיינע קנעכט, קעגן פאָלק. ווו זיינען איצט די נביאים, וואָס האָבן פאַרזיכערט, אַז בבל וועט ניט קומען! איך בעט דיר, טויט מיר ניט, שיק מיר ניט צוריק אין יונתנס שטוב.

צדקיהו האָט געהייסן אים לאָזן באַם הויף, אונטער אַ שטוביקן אַרעסט, און ביז וואַנעט עס וועט זיין ברויט אין שטאָט, אים אַרויסגעבן ברויט.

אין די צייטן פון פאַרשאַרפטע רדיפות, איז ירמיהון געווען אַזוי שלעכט, אַז דער טויט האָט זיך אים אויסגעדוכט בעסער פאַרן לעבן.

פֿאַרשאָלטן זאָל זײַן דער טאָג פֿון מײַן געבוירט,
דער מענטש, װאָס האָט מײַן פֿאָטער דערפֿרײט :
אַ זון איז בײַ דיר געבאָרן,
זאָל פֿאַרשאָלטן, אָן טרײסט בלײַבן.
בעסער װאָלט איך געשטאָרבן אין מײַן מוטערס בויך,
איר טראַכט װאָלט מײַן קבר געװען.
נאָר פֿון מוטערס טראַכט בין איך אַרויס,
און מיט שאַנד זײַנען מײַנע טעג באַדעקט !...

װען צוליב מצריםס הילף, האָט בבל אָפּ אַ װײַלע אַראָפּגענומען די באַלאַגערונג פֿון ירושלים, האָט ירמיהו זיך נים געפֿרײט צוזאַמען מיט אַלעמען, אַרומגעגאַנגען מיט זײַנע פֿינסטערע פֿאָרויסזאָגונגען; געמאָנט, פֿאַרװאָס מען האָט װידער פֿאַרשקלאַפֿט די אָפּגעלאָזענע קנעכט. אױף האַלטונג פֿון נביא האָט נאָכמער גערײצט. בבל האָט אָבער לײַכט צעקלאַפּט מצרים און װידער באַלאַגערט ירושלים. אין שטאָט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ הונגער

אין אַזאַ צײַט איז אַרומגעגאַנגען אַ לעבעדיקער אַקטיװער אַנהענגער פֿון בבל. די קרינסלײַט האָבן דאָס נים געקענט פֿאַרטראָגן און צדקיהו האָט זײ געמוזט אַרויסגעבן ירמיהון. אױפֿן הויף איז געװען אַ טיפֿע לײמיקע גרוב און דאָרט האָט מען אַרײַנגעװאָרפֿן דעם נביא, ער זאָל אײַנזינקען, דאָס איז געװען אַ טויט־אורטײל. צום גליק האָט געלעבט אין הויף ירמיהוס אַ באַהאַלטענער פֿרײַנט, אַ שװאַרצער סרים. אין צײַט פֿון נאַציאָנאַלן כעס אױף ירמיהון, האָט זיך נים אײַנגעפֿונען קײן ייד, װאָס זאָל װאַגן זיך אָננעמען פֿאַר אים. נאָר אַ פֿרעמדער, אַ שװאַרצער, האָט עס געטאָן. ער האָט דערצײלט צדקיהון, װאָס די הויף־לײַט האָבן אָפּגעטאָן מיט ירמיהון. אויב ער װעט אַפֿילו גלײַך נים אײַנזינקען אין לײם, װעט ער שטאַרבן פֿון הונגער. צדקיהו איז געװען זײער דערשלאָגן. ער האָט דערלויבט דעם שװאַרצן נעמען דרײַ אַרבעטער און אַרויסציען ירמיהון פֿון גרוב. מען האָט געבראַכט שטריק, און אַרונטערגעלאָזט מיט שמאַטעס, זײ זאָלן זיך נים אַרײַנשנײַדן אין קערפּער, און מען האָט אַרויסגעשלעפּט ירמיהון פֿון גרוב.

פון איצטער אָן, אין די גסיסה-טעג פון ירושלים, האָט זיך דער קיסר אָפט אונטערהאַלטן מיטן נביא, אָבער שטרענג גע-היטן, קיינער זאָל ניט וויסן דעם אינהאַלט פון זייער שמועס. עס זאָל זיין בסוד האָט געפאָדערט ניט דער נביא, נאָר דער קיסר. ירמיהו האָט ניט געהאַט, וואָס צו באַהאַלטן. די קריגסלייט אָבער האָבן מורא געהאַט פאַר זיך אַליין. דאָס זיינען געווען פאַרשפיל-טע, וואָס האָבן מורא געהאַט צו קוקן אָפן אין פנים אַריין דעם מאָרגנדיקן טאָג.

אַזאַ לאַנגע האָט זיך געצויגן ביז יאָר 586, ווען דער שונא האָט זיך אַריינגעריסן אין ירושלים און געמאַכט פון איר א תל. די באַפעלקערונג אויסגעקוילעט און די לעבנגעבליבענע געשמידט אין קייטן און אָפגעשיקט אין בבל. דאָס איז געווען דער אומגליק פון א מערדערלעך צעריסענעם און צעטראָטענעם לעבן, און ירמיהו איז געווען איר סימבאָל.

הגם ירמיהו דער נביא האָט פאָרויסגעזען און פאָרויסגע-זאָגט דעם אומגליק, דאָך ווען ער האָט זיך באַגעגנט פנים אל פנים מיטן אונטערגאַנג פון פאָלק און לאַנד, האָט עס אים אַזוי דערשיטערט, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר אים א נייס — „הערשער פון לאַנד און קיינער אַף דער וועלט האָט ניט געגלויבט, אַז דער פיינט וועט קומען אין ירושלימס טויערן".

מיטן אונטערגאַנג פון מלכות יהודה האָט זיך ניט געענ-דיקט ירמיהוס טראַגעדיע. אין די הויף-קרייזן פון בבל האָט מען געוווּסט פון ירמיהון. מען האָט פון אים אַראָפּגענומען די קייטן, וועלכע מען האָט אים לכתחילה אָנגעטאָן און געלאָזן פריי זיך באַזעצן וווּ ער וויל. ער האָט געקענט פירן אין בבל א בכבו-דיקן לעבן, פול מיט אָנערקענונג. ער האָט אָבער בעסער אויס-געקליבן זיין גורל צווישן די אָרעמע פאַראומגליקלעכטע איבער-געבליבענע ברידער אין יהודה.

ירמיהוס טעטיקייט האָט זיך ניט איבערגעריסן נאָכן חורבן. פאַר א פירער פון די איבערגעבליבענע אָרעמקייט האָט בבל באַ-שטימט גדליהון, אחיקמס זון, ירמיהוס א פריינט. פאַר א צענטער פון דער נייער פאַרוואַלטונג איז אויסגעקליבן געוואָרן ניט די

אַריסטאָקראַטישע, איצט חרוב געוואָרענע ירושלים, נאָר די אַלטע שטעטל מצפה. ירמיהוס אויפגאַבע איז איצטער געווען טרייסטן די איבערגעבליבענע, אָרעמע, נידערגעשלאָגענע, אָבער אויך איצט האָט מען געבויגעשטעט קענען בבל. דאָס זיינען געווען די, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום קיניגלעכן הויף, זיך נעגרויסט מיט זייער יחוס. זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס מיט יהודה פאַר־וואַלטעט גדליה, אין וועמעס אָדערן עס רינט ניט דוד המלכס בלוט.

עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ בונט בראש מיטן אַריסטאָקראַט ישמעאל. מען איז באַפאַלן גדליהון און אים דערהרגעט. דאָ האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אין בבל וועט מען עס אויסטייטשן, ווי אַן אויפשטאַנד קעגן דער בבלישער מאַכט און עס שטייט פאַר אַ נייע שחיטה. די לעצטע איבערגעבליבענע ייִדן האָבן גענומען לויפן, ווו די אויגן טראָגן. דאָס גרעסטע טייל איז געלאָפן אין מצרים. דאָס איז געווען „דער צווייטער אַריינגאַנג אין מצרים“, פאַרן נביא אַ נייע ירידה.

צווישן די אַנטלאָפענע אין מצרים, געפינען מיר אויך ירמיהון צוזאַמען מיט זיין איבערגעבליבענעם פריינט ברוכן, נישט מיטן גוטן ווילן איז ער געגאַנגען אין דער לאַנד, קעגן וועלכער ער האָט דעם גאַנצן לעבן געקעמפט. ניט כדי רויק צו פאַרברענגען זיין עלטער, נאָר אַף צרות, פיין און מאַטערניש. דאָס איז געווען די לעצטע קיים אין זיין מאַרטירער־לעבן, אַ דאָרן־קראַנץ אַף זיין נביאישער קאָפּ.

מען דערציילט. אַז דאָרט אין מצרים האָבן ייִדן אים אַליין דערהרגעט. די געשיכטע שטימט מיט דער פאָרשטעלונג, וואָס מיר האָבן וועגן ירמיהון, ווי אַ סימבאָל פון מענטשלעכן טרויער און מאַרטירעריי, און אַלס אַזאַ דינט ער פאַר דער מענטשהייטס־שרייבער צוויי אַ האַלב טויזנט יאָר.

# ירמיהוס ליריקע.

דער סוביעקטיווסטער צווישן די נביאים האט מיט א ליריש, בלייכן, אבער קלארן שיין באגאסן זיין נבואה. ירמיהוס בוך האבן מיר צו פארדאנקען, וואס ביז היינט שטייט אונדז פאר א שפיגל פון אן אוראלטן דיכטערס נשמה, ווי אזוי ער פילט די נאטור, ווי רעאגירט ער אף די געשעענישן. ירמיהוס נשמה איז צעריסן, צעטילט, פול מיט רעפלעקסן און צוליב דעם טאקע קענען מיר אריינקוקן אין אירע פארבארגנסטע קנייטשן.

אנפאנג איז ירמיהו מער דיכטער, ווי נביא. זיין בוך איז צעטיילט אף לידער און היסטאריש-ביאגראפישע נאטיצן. ביידע טיילן געהערן באזונדערע אויטארן, די לידער — ירמיהון און דער געשיכטלעכער טייל זיין פריינט, דעם שרייבער ברוכן. אבער דער גייסט פון ביידע טיילן איז איינאונדערזעלבער. דער חורבן שוועבט איבער זיי, איר פילט בא ירמיהון דעם טיפן טרויער, דעם אינערלעכן בראך פון די געשעענישן. די אומגליקלעכע לאגע פון יהודה, דעם חורבן האט ירמיהו שטענדיק געטראגן אין זיך און ער דערציילט אונדז ניט אזוי פיל וועגן די געשעענישן, ווי וועגן די איבערלעבונגען, וואס זיי רופן ארויס בא אים.

אומעט און צארן זיינען אויסגעגאסן איבער ירמיהוס בוך. מיט קיין באזונדערער פריילעכקייט טיילן זיך ניט אויס די נביאים בכלל. די התלהבות פון די אמתע נביאים נעמט זיך פון דאס שלעכטע, פון די סאציאלע עוולות, פון דער געטלעכער אומצופרידנהייט מיטן מענטשן, מיטן פאלק. אבער באזונדער שטארק פילט איר עס בא ירמיהון, און דאס נעמט זיך פון ירמיהוס פערזענלעכקייט, פון זיין טיף סוביעקטיווער באציונג צו די געשעענישן, פון קאנפליקט צווישן אים און דער אויספערלעכער וועלט. ער, דער

נביא, וואָס טראָגט אין זיך אַזאַ ליידנשאַפטלעכע ליבע צו זיין פאָלק, איז פאַררעכנט פאַר אַ פאַררעטער, פאַר אַ פאַרקויפטן צו די שונאים.

די סתירות פון ירמיהוס פּערזענלעכקייט, פון זיין לעבן שוואַכן נישט אָפּ זיין שאַפונגס־קראַפט, נאָר פאַרקערט, פאַרטיפן און באַרייכערן איר. דער גאָטספאַרכטיקער פרומער כּוהן מוז אַרויס־טרעטן קעגן קרבנות. דער בית־המקדש איז פאַר אים אַ „נעסט פון אויסוואורפן". נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ פּאָליטישער רעוואָלו־ציאָנער, האָט ער איבערגעלעבט אַן אידעישע רעוואָלוציע. ירמיהו טרוימט וועגן אַ נייעם „אָפּמאַך", וועגן אַ נייער תורה פאַר יידן, געבויט אויף אינערלעכער איבערצייגונג.

ירמיהוס ליריק איז סענטימענטאַל, ווייך און נישט אַזוי רייך אין בילדער און פאַרבן, ווי די פּאָעזיע פון ישעיהון אָדער הושע. זי שטייגט זיי אָבער אַריבער אין האַרציקייט, איינפאַכקייט און קלאָרקייט. דער דיכטער שטעלט זיך גאָר נישט פאָר, אַז דער טרויער בלייבט נאָר אין אים, נאָר פאַרשפּרייט זיך ווייט און הויך. דער געוויין הערט זיך אין הימל און ציט זיך איבער דער גאַנ־צער געשיכטע, ביז דער מוטער רחל, וואָס וויינט אויף אירע קינ־דער, לאָזט זיך נישט טרייסטן. אָבער דער דיכטער קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ טיפער טרויער זאָל בלייבן אָן אַ טרייסט, אָן אַ רעטונג.

אין דער ווייטער הויך הערט זיך אַ שטים,
אַ קלאָג, אַ ביטער געוויין.
רחל וויינט אויף אירע קינדער,
זי געפינט נישט קיין טרייסט.
הער אויף צו וויינען!
זאָלן דיינע אויגן אופהערן צו טרערן!
דיין מי וועט באַצאָלט ווערן!
דיינע קינדער וועלן זיך אומקערן!

ירמיהו איז אַ פיינפילער פון דער נאַטור. דער קאָלאָריט פון אָרט, פון דער אַרומיקערווירקלעכקייט איז אויסגעגאָסן אויף זיינע

זאַפטיקע בילדער. דאָס אומטרייע פאָלק זוכט צום טרינקען פרעמ־דע וואַסערן — אין מצרים די וואַסער פון שיחור (אַ בײַמײַך פון נילוס), אין אשור די וואַסער פון יעפראַט — דער סינאָנים פון ריכטיק אָדער פאַלש לעבן איז דער וועג. דער אויסגעטראָטענער גלײַכער אָדער פאַרקרימטער. די נאַטור פון פויגלען, פון חיות זײַנען ירמיהון גענוי באַקאַנט. ער פילט די ניט באַפרידיקטע סעק־סועלע גלוסטונגען פון דער ווילדער חיה. בכלל שווימט בײַ ירמיהון שאַרפער ארויס די אומצופרידנקייט, דער שאָטן אין דער נאַטור. ניט די העלע ליכטיקע שײַן פון דער זון, נאָר די נאַכט, די פרעקלעכע נאַכט אין די בערג, וואָס לאָזט זיך פלוצלונג אַראָפּ פאַרן פרעמדן אײַנזאַמען וואַנדערער, פאַרנעמט ירמיהוס פאַנטאַזיע.

און ווען ירמיהו דערמאַנט מיט אַזאַ צערטלעכקייט און ליבע די צײַט, וואָס ייִדן האָבן ארומגעוואַנדערט אין מדבר, אין „ניט קיין געזייטע לאַנד", ווײס איך ניט, וואָס ציט דאָרט טער ירמיהו די ארומיקע ווילדע, „ניט געזייטע" נאַטור, אָדער דער מדבר־מענטש, וואָס איז אויך אַ טײל פון דער ווילדער נאַטור.

שאַרף און קלאָר שטעלט ירמיהו אַרויס דעם געדאַנק פון תשובה, חרטה אַף די זינד, מיטן גוטן ווילן, מיטן קלוגן שכל קען דער מענטש זיך אַלײן אויסבײַטן. פאַר דער אוראַלטער וועלט זײַנען געווען פרעמד אַזעלכע באַגריפן, סײַ דאָס שלעכטע, סײַ דאָס גוטע האָט מיט זיך פאַרקערפערט, פאַרנומען אַ גאַנצן מענטשן ביזן טויט אַרײַן. אָבער דער געדאַנק פון אַ נײַער איבערציִונג בײַ דעמזעלבן מענטשן, פון אינערלעכן איבערבראָך האָט אַרויסגע־רוקט ירמיהו. און דערמיט איז ער אַלײן געוואָרן פאַר אונדז פאַר־שטענדלעכער, נענטער, „שפּעטער" פאַר זײַן צײַט. ער, דער נביא, וואָס איז אַלײן פול מיט סתירות, מיט אינערלעכע איבערבראָכן האָט זיך געקענט ווענדן צום פאָלק מיטן רוף: „קערט זיך אום, איר פאַרבלאָנדזשעטע קינדער". אויך די פאַרבלאָנדזשעטע זײַנען קינדער! און עס פאַרערט זיך זיי אנצוווײַזן דעם ריכטיקן וועג.

אַזוי איז ירמיהו געקומען צום געדאַנק פון אופהויבן, העכער מאַכן דעם מענטשן. אין אײן און דעמזעלבן מענטשן לעבן גוטס און שלעכטס, דאָס קלוגע און דאָס נאַרישע. דעם נביאס אופ־

גאַבע איז אַרויסהײבן דאָס גוטע פון דאָס שלעכטע, דאָס קלוגע פון דאָס נאַרישע. גאָט זאָגט צו ירמיהון: דו וועסט קענען פאַר מיר בײַשטיין נאָר אין דעם פאַל, אויב „דו וועסט באַוויזן אַרויס־ציען דאָס טײַערע פון דאָס ביליקע, דו דאַרפסט זיי אומקערן, אָבער נישט אַראָפּנידערן צו זיי", צו אַזעלכע ריין פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן האָט זיך קיין נביא, אויסער ירמיהון, נישט דערהערט.

אַזאַ פאַרשטיין פון מענטשלעכן כאַראַקטער האָט געבראַכט ירמיהון צו פאַרטיידיקן פאַר גאָט די שלעכטע, די אמתע שול־דיקע. ער, דער פאַרפאָלגטער פאַרטיידיקט די פאַרפאָלגער, וואָס האָבן גערודפט און געשלאָגן דעם נביא און וועמען ער האָט צײַטנווײַז אַזוי פײַנט. דאָס איז נישט די שפּעטערדיקע קריסטלעכע אוניווערסאַלע מחילה. נישט דאָס אונטערשטעלן די רעכטע באַק, ווען מען האָט דיר אַ פּאַטש געגעבן אין דער לינקער. ניין, דאָס איז דער טיפער גלויבן אין מענטשן, אין פינטעלע־מענטש, וואָס בלײַבט בײַ יעדערן; מערנישט גאָט אַליין שטופּט אָפּ דעם נביא פון זיך, ווען ער קומט מיט אַזאַ פאַרטיידיקונג:

„און דו זאָלסט מיר נישט בעטן פאַר דעמדאָזיקן פאָלק! הייב נישט אויף פאַר זיי קיין געזאַנג, קיין תפילה, איך וויל דיר נישט הערן!"

דער רעדאַקטאָר פון ירמיהוס בוך האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט דעם געדאַנק אַרײַנגעשטעלט אינמיטן פון דער באַוווסטער נביאס רעדע אין טויער פון בית־המקדש. דאָרטן, ווו ירמיהו האָט אַראָפּגעריסן אַלע הייליקײַטן, האָט ער געהאַלט לאָזן דעם מענטשן.

ווי אַלע נביאים באַנוצט אָפט ירמיהו סימבאָלן. דער סימ־באָל איז געווען אַ מיטל צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק צום נביאס רייד, צו דער אידעע, מיט וועלכער דער נביא איז פאַרנומען. דער סימבאָל איז אויסעראָרדנטלעך, סצעניש, שרײַ־ענדיק. ער האָט דעם ציל אָפּצושטעלן דעם דורכגייער. דאָס איז דער שילד, דער פלאַקאַט פון די אַלטע צײַטן. ירמיהוס סימבאָל איז אײַנפאַך און קלאָר. צוזאַמען מיטן משל גייט ער גלײַך דעם נמשל. און ער איז אַ גוטיקע אילוסטראַציע צו זײַנע רייד.

דער נביא װעט צװײ קערב מיט פײַגן. אין אײן קאָרב זײַנען גוטע פּאַרטיקע פײַגן און אין דער צװײטער שלעכטע, אַזױנע, װאָס מען קען ניט עסן. גאָט פרעגט ירמיהון, װאָס זעט ער? און גלײַך דערקלערט ער דעם באַדײַט: די גוטע פײַגן באַדײַטן די פּאַרטרײַבענע ייִדן אין בבל צום בליען און די שלעכטע פײַגן זײַנען די, װאָס זײַנען געבליבן אין ירושלים, אָדער װאָס האָבן זיך באַזעצט אין מצרים צו שאַנד און צו שפּאָט. לאָמיר זיך דערמאָנען ירמיהוס בריװ צו דער ייִדישער קאָלאָניע אין בבל, זײַן היסטאָרישער געדאַנק פון אױפלעבן אין אַ פרעמד לאַנד און דער משל װערט נױטיק און קלאָר.

אָדער דער נביא ברענגט מיט זיך אַ לײַמענע פלאַש, צעבּרעכט איר אױף שטיקלעך, אױף פּיצלעך. פאַרריכטן איר, גאַנץ מאַכן איז אומעגלעך. דאָס אין דער סימן, אַז צעבראָכן װעט װערן די לאַנד, אַזױ, אַז גאַנץ מאַכן װעט מען עס ניט קענען. הײלן די װונדן, פאַרריכטן, װעט זײַן אומעגלעך.

מיר האָבן שױן דערמאָנט װעגן אינערלעכן צושטאַנד פון נביא, װאָס ער װײַזט אַרױס באַם װערטער-שפּיל. װעלכן עס באַ-נוצן אױך אַנדערע נביאים. די נבואה איז, אַחוץ אַלעם, דער מענטשלעכער טרױם, די טיפסטע אינערלעכע שטרעבונג, װאָס זוכט מיט אַלע כּוחות פאַרװירקלעכט צו װערן. דװקא דער יונגער מענטש, װאָס טראָגט זיך אַרום מיט די װײַטסטע חלומות, זוכט לײַדנשאַפטלעך די פאַרװירקלעכונג פון באַהאַלטענע װוּנטשן. די פאַרװאַנדלונג פון חלום אין װאָר פאַרנעמט דעם יונגן טרױמער מער װי דעם על-טערן מענטשן. דעם יוגנטלעכן פאַרנעמט דערהױפּט די שטרע-בונג צו פאַרװירקלעכן זײַן װוּנטש, צו װערן אױס טרױמער, צו זען דעם חלום אָפן װאָר. ער װאַרט אױף דעם מיט אומגעדולד.

אַזױ איז אומגעגאַנגען דער יונגער ירמיהו פול מיט חלומות, מיט נבואה אין געזוכט װי זײ צו פאַרװירקלעכן, מורא געהאַט טאָמער בלײַבן זײַנע חלומות ניט מער װי חלומות. פּלוצלונג דערזעט ירמיהו אַ מאַנדל-שטעקל, ער האָט אים שױן מסתּמא ניט אײנמאָל געזען און קײנע געדאַנקען האָט דאָס שטעקל באַ אים ניט אַרױסגע-רופן, אָבער אין דעם צושטאַנד, איז עס מיטאַמאָל אױסגעװאַקסן

פאַר אַ סימבאָל. דער מאַנדלבוים פּליִסט זיך פריער פאַר אַנדערע מיט זײַן בליונג, מיטן פאַרטיק װערן, און דער העברעיִשער װאָרט „שקד" האָט מאַקע די צװײיקע באַדײַטונג פון מאַנדל און פון אײַלן זיך צו פאַרװירקלעכן די זאַך. דער קלאַנג פון װאָרט, דער בילד פון פרי צײַטיק געװאָרענעם מאַנדל־צװײַג האָבן זיך גלײַך פאַרבונדן מיטן אינערלעכן באַגער פון נביא, װאָס שנעלער פאַר־װירקלעכן די טרױמען. „דו האָסט גוט געזען, זאָגט גאָט צו ירמיהון, איך אײַל מאַקע אויסצופירן מײַנע רייד".

אויב דער סימבאָל, דער משל איז נויטיק פאַר אַנדערע, פאַר די צוהערער צו דערקלערן, נעענטער צו מאַכן דעם נביאס רייד, איז דער װערטער־שפּיל נויטיק פאַרן נביא אַלײן, אים צו באַרויקן, אים קלערער מאַכן זײַן אײגענע נבואה. דער מאַנדל־שטעקל האָט זיך פאַר ירמיהון פאַרװאַנדלט אין אַן אַנטפּלעקונג

אָבער ניט נאָר די אינערלעכע סתירות פון נביאס נשמה, נאָר אויך די סאָציאַלע סתירות אין דער געזעלשאַפט, די עװלות, פון די סאָציאַל שטאַרקע קעגן די שװאַכע, פון די זיכערע קעגן הילפלאָזע יתומים און אַלמנות רופן אַרויס אַן אָפּקלאַנג בײַ ירמיהון. די גערעכטיקײט איז בײַם נביא דער נאַטירלעכער צו־שטאַנד. אַזוי װי די פויגל װײס װוהין צו פליִען, װי איר נעסט צו באַזאָרגן, אַזוי איז די גערעכטיקײט דער נאַטירלעכער װעג פון דער געזעלשאַפט. אויסער אַלגעמײנע געדאַנקען, האָט זיך ירמיהו אין זײַן צײַט באַגעגנט מיט צװײ קאָנקרעטע, װיכטיקע סאָציאַלע דערשײנונגען, װוּ דער נביא האָט גענומען אַ װאָרט.

דאָס ערשטע איז די שטרעבונג צו בויען פּאַלאַצן אין יהויקימס צײַטן. דער קיסר יהויקים האָט געהאַט אַ תאווה צו נײַע גרויסע געבײַדעס. אַ מענטש מיט אַ דעספּאָטישן כאַראַקטער פון אַ מזרח־הערשער האָט ער צוזאַמענגעטריבן אַרבעטער צו בויען פאַר זיך פּאַלאַצן און זיך נאָרניט געקימערט זײ עפּעס צו צאָלן. ירמיהו קלאָגט אָפּ דעם „װאָס בויט זײַן הויז מיט אומרעכט, זײַנע פּאַלאַצן אָן משפּט, אַרבעט אומזיסט מיט מענטשן און באַצאָלט זײ ניט פאַר דאָס אָפּגעאַרבעטע. דער קיסר, דער בעל־גאווה, מײנט, אַז מיט שײנע, גרויסע, געאַרבעטע פּאַלאַצן קען מען גרע־

סער מאַכן די מלוכה, מיט צעדער־בוימער קען מען העכער מאַכן דאס געפאלענע לאנד, ווען אינדערמתן קוקט מען נאר ארויס נאך געלט, נאך רויב, און אומשולדיק בלוט ווערט פארגאסן".

די צווייטע וויכטיקע סאציאלע געשעעניש, אף וועלכער ירמיהו האט זיך אפגערופן, איז געווען דאס אפלאזן און צוריק אנ־נעמען יידישע שקלאפן. בעת ירושלים איז געווען באלאגערט פון בבלישן חיל, האבן די הארן און די יידישע פריצים מיטאמאל פריינגלאזן זייערע קנעכט. געגויי די סיבות ווייסן מיר נים. מעגלעך, אז מען האט זיך געגויטיקט אין די קנעכט פאר דער מלחמה. עס קען אויך זיין, אז עס איז פשוט זיי נים גע־ווען, וואס צו געבן עסן. די הארן האבן פאר זיך נים געהאט. ירמיהו נעמט ארויס דעם מאמענט. ווען די געפאר פון בבל האט זיך אויסגעדרוקט צו זיין פארבייגעגאנגען, און די פריצים מיט די הארן האבן זיך דערמאנט און צוריק פארשקלאפט די פרייגעלאזענע קנעכט. אויסער דעם. וואס ירמיהו האט פארשטאנען, אז די גע־פאר פון בבל איז גאר נים פארבייגעגאנגען, האט ער דא דער־זען א נייעם פארראט פון הערשער. וואס ווייסן נים. אז שקלאפן זיינען אויך מענטשן.

„אויב איר האט אמאל געטאן א גלייכע זאך און באפרייט מענטשן, האט איר איצטער חרטה געקראגן, מיין נאמען פאר־שעמט. און די פרייגעווארענע באצוווננגען צוריק פאר קנעכט און רינסטן. איר האט זיך נים צוגעהערט צו מיין רוף געבן פריי־הייט די אייגענע ברידער, וועל איך געבן פרייהייט! דאס וועט זיין פרייהייט פארן שווערד, פארן הונגער, פאר מארד".

דא רעדט שארף דער סאציאלער פראטעסט אין ירמיהון.

* * *

אזוי וואקסט אויס פאר אונדז א טראגישע פערזענלעכקייט פון אן אוראלטן דיכטער, פאליטיקער און קעמפער פאר רעכט, גערעכטיקייט, פאר סאציאל־שוואכערע אין דער געזעלשאפט. די אינערלעכע סתירות אין ירמיהוס נשמה האבן נים אפגעשוואכט זיין מוט, זיין ענערגיע, זיין נביאישע התלהבות, נאר. פארקערט, געשטארקט זיין אימפעט, זיין מסירת־נפש.

איך בין פול מיט גאָטס צאָרן!
פון אים בין איך באַלאַסטעט.
גרייט בין איך עס אויסצוגיסן
אַף קינד און קייט
מאַן און פרוי
אַלט און יונג.

עס בלייבט אַ פראַגע, ווי אַזוי איז דער מענטש פון אי־נערלעכע קאַמפן און סתירות אין דערזעלבער צייט אויך דערגאַנ־גען צו דער העכסטער מדרגה פון גאַנצקייט און פולקומענהייט, ווי אַזוי איז דער מענטש, וואָס האָט שטענדיק געקעמפט מיט זיך, מיט זיין גאָט, געווען מער פון אַלעמען אומצופרידן מיט זיין באַרוף — דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון דעם באַ־רוף, געוואָרן דער גרעסטער יידישער נביא.

דאָס איז די אינערלעכע סתירה, וועלכע בלייבט אַ סוד אין דער צאַרטער, קלארער פערזענלעכקייט פון ירמיהון.

---

## אינהאלט:


### די ערשטע נביאים

#### דער ערשטער נביא שמואל

שמואל דערפילט זיך פאר א נביא . . . . . . . . . 7
דער חורבן שילה און דער אנהייב פון נביאים . . . . 13
דער נביא און דער ערשטער קיסר . . . . . . . . . 19
דער אנטייל פון די נביאים אין דודס בונט קעגן שאולן . 27

#### די הויף-נביאים

נתן און גד . . . . . . . . . . . . . . . . 30
דעם נביא אחיהס אנטייל אין דער שפאלטונג פון דודס מלוכה 36

#### די קעמפער פאר דער נאציאנאלער רעוואלוציע אין אפרים

אליהו הנביא און די לאגע אין מלכות ישראל . . . . 39
דער איבערבראך אין אליהון נאכן נצחון אפן כרמל . . 47
אלישע דער באגייסטערער פון יהואס איבערקערעניש . . 53

### די נביאים שריפטשטעלער

די אנטוויקלונג און כאראקטער פון נבואה . . . . . . 60
אמתע און פאלשע נביאים . . . . . . . . . . . . 71

#### די נביאים פון סאציאלן קאמף

עמוס . . . . . . . . . . . . . . . . . 83
עמוסעס שפראך . . . . . . . . . . . . . . 91
דער נביא מיכה . . . . . . . . . . . . . . 94

#### ירמיהו

די פאליטיש-רעליגיעזע געשיכטע פון יהודה אין ירמיהוס צייטן 103
ירמיהוס ביאגראפיע, זיינע איבערלעבונגען . . . . . . 110
ירמיהוס ליריקע . . . . . . . . . . . . . . . 134